האסט געזאגט אז מ'קויפט זיך איין צוזאמען, דעמאלטס איז זיכער, דעמאלטס איז שוין טאקע אן ענין פון סומכין על שולחן אחד. אבער סחורה מיינט אפילו, זיכער איז דא אפילו, זיי האבן זיך געקויפט די סחורה, אבער ס'איז דא צווישן זיי אזא מין דיעל אז מ'קען זיך אפרעכענען, מ'קען, אויב איינער וויל נעמען פאר זיך, ער קען זיך אפרעכענען, אבער זיי האבן גערעכנט, מ'דארף זיך נישט אפילו רעכענען, ווייל דאס הייסט שותפות, נישט איינער מקפיד על זה. אזוי גייט ער זאגן. ווייסט, מ'איז זיך טראסט זיי אז ער גייט נישט נעמען די וועלט אריין, ס'איז א שותפות, ס'איז מונח לפניך ביז דו וועסט אים נעמען.

נו גוט, **איז אין צריך שותף אחר, ולסמוך** מ'קען זיך פארלאזן **על השותפות של סחורה,** אויף די שותפות פון סחורה וואס זיי זענען שוין שותפים.

רייט, ס'איז זייער אינטערעסאנט, ער לייגט אריין די זעלבע לשון שותפות, דאס הייסט, שותף פאר דעם, מיט מבואות איז נישט ממש א עירוב, זיי זענען נישט ער'ן, אבער זיי ווערן שותפים. זיי זענען דאך שוין שותפים, זיי זענען שותפים אין די זעלבע זעקל מעל, וואטעווער ס'איז זיי פארקויפן דארט, יין און שמן ודבש. יא.

**תנאי: מין אחד ובכלי אחד**

זאגט ער אבער, דאס איז נאר ווען די כללים, **והוא שיהא מין שהן שותפין בו מין אחד,** זיי זענען שותפים אין מין אחד, דאס הייסט, נישט אז איינער קויפט איין זאך און איינער קויפט די אנדערע זאך, און יעדער איינער קען נעמען פון די אנדערע מענטש'ס זאך. יא יא. אדער ס'איז די זעלבע, **ובכלי אחד,** ס'ליגט אין איין פלאץ. נישט אז אפילו אויב איינער קען נעמען פון די אנדערע, אבער ס'ליגט אין אנדערע כלים, דעמאלטס זענען זיי צעטיילט, אפילו אויב זיי האבן עפעס א געוויסע סארט שותפות. ס'דארף זיין ממש א שותפות וואס איז ניכר, די זעלבע מין און די זעלבע כלי, און אלע באלאנגען אין דעם.

**אבל אם היו אלו משותפים בזה ביין ואלו באחר בשמן,** אה, דאס הייסט, אין די מבוי וואוינען אכט מענטשן, לאמיר זאגן. אויב אלע אכט זענען שותפים און אלע אכט קענען עסן די זעלבע יין למשל, איז גוט. אבער אויב פיר זענען שותפים צוזאמען צווישן זיך אין יין, און פיר זענען שותפים צוזאמען צווישן זיך אין שמן, אגעין, דאס הייסט, איך, לאמיר זאגן ס'איז דא דריי מענטשן דא, וואס מאכט ס'לעבן גרינגער, דריי חצרות, סתם ווייל איך וויל טייטשן. אונז האבן פארשידענע ביזנעס, אונז קויפן צוזאמען וויין און שמן, אבער איך האב נישט קיין ביזנעס מיט יעדער, נישט אלע חצרות, אלע מענטשן האבן שותפות מיט יעדער. איך האב א שותפות מיט יענקל קויפן מיר צוזאמען וויין, מיט בערל קויפן מיר צוזאמען שמן. סך הכל, איך בין א שותף מיט ביידע, באט נישט אלע זענען שותפים מיט אלע אין די זעלבע זאך.

אזוי איז סך הכל יין, מיר זענען יא אלע שותפים אין יין, אבער ווייל **בשני כלים,** דארפן זיי יא מאכן א שותפות לענין שבת. זיי דארפן מאכן אן עקסטרע... א מערקעוודיגע זאך לכבוד שבת.

**הלכה ב': ביקש מחבירו ולא נתנו לו — בטל השותפות**

**לשון הרמב"ם**

יעצט גייען מיר זען א וועג וויאזוי מ'קען בויען די שותפות. מ'האט געמיינט אז זיי זענען שותפים, אבער ס'שטעלט זיך ארויס זיי זענען שותפים אבער ס'פעלט עפעס. וואס הייסט זיי זענען שותפים? מיינט אז געלט האבן זיי געצאלט צוזאמען, ווען מ'מאכט א ריוח פון דעם וועלן זיי זיך דארפן אפּרעכענען, אבער ס'פעלט עפעס. איך נעם אן עובדא, **שביקש מחבירו יין ושמן קודם השבת,** ער איז א שותף אין די יין אדער די שמן, אבער ווען ס'איז געקומען למעשה, אויף פאפיר און פען זענען זיי גוטע שותפים, אבער ווען ס'איז געקומען למעשה ער האט געוואלט נעמען, **ולא נתנו לו, איז בטל השותפות,** אפילו זיי בלייבן נאך שותפים אין די מסחר, אבער לענין שבת איז בטל השותפות. **שהרי גילה דעתו שאינן כשותפים שאינן מקפידין זה על זה,** ווייל מיט דעם וואס מ'האט אים נישט געלאזט נעמען האט ער מגלה דעת געווען אז זיי זענען נישט קיין פולע שותפים וואס זענען אינם מקפידין זה על זה.

**חידוש: צוויי סארטן שותפות**

איך מיין אז זיי זענען פולע שותפים הלכה'דיג, דאס הייסט אין די מסחר זענען זיי א גוטע שותף, אבער ס'איז דא א לעוועל פון שותפות וואס הייסט שותפים שאינם מקפידין זה על זה, און ס'איז דא אן אנדערע לעוועל אדער אן אנדערע סארט, כ'ווייס נישט אויב ס'איז א לעוועל, אן אנדערע סארט שותפות וואס הייסט שותפים שאינם מקפידין זה על זה. דאס הייסט, מקפידין מיינט פשוט ער טראסט אים נישט, ער מעג נעמען אביסל פאר זיין אייגענע באנוץ וכדומה, אדער אזוי ווי דו זאגסט יעדער איינער נעמט, ס'איז איקוועל בסך הכל. אבער אויב ער זאגט אים, דו ווילסט נעמען? שרייב אויף פונקטליך וויפיל דו האסט גענומען, און מ'וועט זיך אפּרעכענען פונקטליך, דאס הייסט שותפים המקפידין זה על זה. מעגן נעמען, אבער זיי דארפן זיך אפרעכענען פונקטליך וויפיל באטלעך וויין האט ער גענומען פון די סטאר, וואטעווער. דאס הייסט שותפין שאינן מקפידין זה על זה. און לויט אונזער שמועס הייסט דאס נישט קיין שותפות, עס זאל הייסן אז זיי האבן אלע איין מאכל.

**שאלה אויפן גדר פון "אינם מקפידין"**

איך בין נישט זיכער, יא, אזוי איז עס? אז אין מקפידין זה על זה מיינט דו קענסט נעמען אבער דו דארפסט אפשרייבן, אדער קען זיין אז אין מקפידין זה על זה מיינט דו קענסט נישט נעמען, אונז גייען עס נאר געבן.

**הלכה א' (המשך) — שותפים המקפידים זה על זה**

איך מיין אז זיי זענען פולע שותפים הלכה'דיג, דאס הייסט, אין די מסחר איז דא א שותפות. אבער ס'איז דא א לעוועל פון שותפות וואס הייסט שותפים המקפידים זה על זה, און ס'איז דא אן אנדערע לעוועל, אדער אן אנדערע סארט - נישט דווקא א לעוועל - אן אנדערע סארט שותפות וואס הייסט שותפים שאינם מקפידים זה על זה.

מקפיד מיינט פשוט אז ער טראסט אים, ער מעג נעמען אביסל פאר זיין אייגענע באנוץ און אזוי ווייטער, אזוי ווי ס'איז דאך יעדער איינער נעמט, ס'איז איקוואל, ס'איז א חילוק. אבער אויב זיי זאגן אים, "דו ווילסט נעמען? שרייב אויף פונקטליך וויפיל דו האסט גענומען, און מ'וועט זיך אפירעכענען פונקטליך", דאס הייסט שותפים המקפידים זה על זה. דאס הייסט, זיי מעגן נעמען, אבער זיי דארפן זיך אפירעכענען פונקטליך וויפיל באטלעך וויין האט ער גענומען פון די סטאר, אדער וואטעווער. דאס הייסט שותפים שאינם מקפידים זה על זה.

**נפקא מינה לענין שבת**

לענין שבת הייסט דאס נישט קיין שותפות וואס זאל הייסן אז זיי האבן אלע איין מאכל. איך בין נישט זיכער, יא, אזוי איז עס, אז מקפידים זה על זה מיינט דו קענסט נעמען אבער דו דארפסט אויפשרייבן, אדער קען זיין מקפידים זה על זה מיינט דו קענסט נישט נעמען, דו גייסט נאר אריין קויפן און דו גייסט גארנישט נוצן דערפון. אזוי געדענק איך, איך האב אמאל... דאס קען זיין, קען זיין אז ס'איז נישט דווקא אזוי די הלכה, איך זאג נאר אז "אינם מקפידים" מיינט זיכער אז אוודאי זיי מעגן נישט נעמען די גאנצע, אבער ס'מיינט אז זיי טראסטן זיך אז מ'נעמט יעדער איינער לפי ערכו, לפי ערך השותפות, און מ'רעכנט נישט. "מקפידים" מיינט אז מ'רעכנט נישט יעדע... א נארמאלער מענטש האט א שותפות מיט זיין ברודער וועגן איך ווייס נישט וואס, ער פארקויפט פעפער, ער ציילט נישט מיט אים וויפיל שטיקלעך פעפער יענער האט גענוצט פאר זיין צורך, ס'איז דאך פארט פון די ביזנעס. דאס הייסט מקפיד זה על זה. אזוי געדענק איך פון אנדערע פלעצער אז דאס הייסט מקפידים זה על זה.

אבער די פוינט איז, ס'זעט אויס אז לענין שבת דארף עס זיין אינם מקפידים, ווייל ס'דארף דאך זיין איין פת. ס'איז נישט קיין שותפות געלט, געלט שותפות העלפט נישט לענין שבת, מ'דארף דאך האבן...

**צוויי מעגליכע פירושים**

אויב אזוי, קען עס מיינען די ביידע זאכן. ס'קען מיינען מקפידים זה על זה אזוויו דו זאגסט, אדער קען עס מיינען אז זיי זענען טאקע שותפים, אבער זיי נעמען נישט פון דארטן קיין עסן, זיי זענען נישט שותפים אז אויך אין זייער טאג-טעגליך לעבן נעמען זיי פון דארטן. זיי האבן צוזאמען א סטאר, מענטשן האבן צוזאמען א סטאר, זיי עסן נישט איינער פון די אנדערע. דאס הייסט נישט קיין שותפות לענין שבת. אבער איך זאג דיר, ס'איז דא א סטאר וואס מ'לאזט אביסל... אבער נישט צופיל, אביסל מעג יעדער איינער נעמען, ער וויל דאך זיין. אויב ער לאזט נישט, דעמאלטס איז עס אויס. יא.

**הלכה ב — בני מבוי וואס איינער וויל זיך נישט באטייליגן**

מיר גייען ווייטער. וועגן בני מבוי... הלכה, הלכה, עס האט נישט צו טון מיט פריערהייט. מ'גייט. ס'איז אינטערעסאנט וואס קומט דאס דא אריין סתם נאך א הלכה. אזא הלכה וועגן, וואס טוט זיך ווען ס'איז דא א באנטש מענטשן אין מבוי, און איינער פון זיי, געוועהנליך איז ער א חלק פון דעם, פון די עירוב, פון די שיתוף מבואות, ער ווארפט אויך אריין אביסל זיין עסן. אבער די וואך איז ער עפעס אין א שלעכטע מוט, "איך בין אבער נישט רעגיל צו שטעקן מיין מבוי, ולא נשתתף", ער וויל זיך נישט באטייליגן.

איז היות אז ער האט שוין מגלה דעת געווען אז ער איז א חלק פון דעם, און געוועהנליך איז ער א חלק פון דעם, איז די הלכה אז **בני מבוי נכנסים לתוך ביתו, ונוטלין ממנו שיתוף בעל כרחו**, זיי קענען אריינגיין אין זיין הויז, ונוטלין ממנו שיתוף בעל כרחו, זיי קענען נעמען די שיתוף בעל כרחו, זיי קענען נעמען פון אים א שטיקל עסן צו ווערן א שיתוף בעל כרחו.

**פשט: כופין על מידת סדום**

וואס איז די פשט? מ'נעמט פון אים זיין עסן, ער וויל נישט. מ'נעמט אים צו זיין עסן. ווייל ס'איז א מין כופין אותו, ווייל מ'ווייסט אז געוועהנליך וויל ער. אזוי זעט עס אויס. ער זאגט אז ס'איז דא אזא ענין פון כופין על מידת סדום. ס'גייט אים נישט אן די קליין ביסל עסן וואס מ'נעמט פון אים, און ער גייט הנאה האבן אז ער גייט ווערן מותר צו טראגן מיט זיי. נאר ער, די וואך, האלט עניוועי נישט ביים ארויסגיין פון זיין הויז, ער איז אזא שלעכטער. ס'איז מידת סדום, וואס איז "זה נהנה וזה נהנה", אדער "זה נהנה וזה לא חסר", דו גייסט נישט פארלירן. די שבת וויל ער נישט טראגן, סאו די שבת געבט ער נישט די קליין ביסל צו די בשותפות'דיגע טעלער. איז עס אזא מידת סדום, און אויף מידת סדום קען מען מחייב זיין.

**צוויי לעוועלס פון כפייה**

יא, רב האט עס עפעס מחלק געווען, איך האב נישט פארשטאנען וואס ער זאגט עקזעקטלי. ס'איז נישטא אזא הלכה למשל בחצר. פארוואס איז דא די דין דווקא ביי מבוי? איך ווייס נישט. לאמיר זען ווייטער. אפשר איז עס אויך דא, אגב, איך ווייס נישט. אפשר ווייטער פאר א חצר דארף זיין פת, ס'גייט נישט אזוי.

**ואיכא נמי דלא בעי**, איינער רוצה להשתתף כלל במבוי, איינער פון די מבוי וואס קיינמאל וויל ער זיך נישט משתתף זיין, מ'קען נישט אריינגיין אין זיין הויז און נעמען פון אים, אבער **כופין אותו להשתתף עמהם**, יא, מ'קען לייגן אויף אים פרעשור, מ'קען אים צווינגען להשתתף עמהם.

זעט אויס, אזוי זאגט דער מגיד משנה אפשר, זעט אויס אז ס'איז צוויי לעוועלס. ס'איז דא איינער וואס ער איז רגיל, מ'דארף נישט כופה זיין, מ'גייט אריין אין זיין הויז און מ'נעמט ארויס א בילקע, וואטעווער, וויניגער ווי א בילקע, ווייל ס'איז א שותף. איינער וואס ער זאגט "איך וויל בכלל נישט", נישט ער איז רגיל, ער וויל בכלל נישט, מ'צווינגט אים. וואס הייסט מ'צווינגט אים? אפשר בית דין צווינגט אים? וואס הייסט עס אנדערע לעוועל פון צווינגען? פשט איז אז מ'קען נאכנישט אריינגיין אין זיין הויז, מ'דארף אים קודם צווינגען. דער זאגט כופין אותו בבית דין עד שיאמר רוצה אני, ווייל מ'דארף אז ער זאל מסכים זיין.

**קשיא: פארוואס נישט מזכה זיין?**

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ס'איז דאך דא אן איזיער וועג פון מזכה זיין ביי ביידע. ער רעדט דאך די גאנצע צייט נישט פון מזכה זיין. פארוואס זאגט מען נישט מזכה? אבער פארוואס טאקע? ער זאגט אפשר דער ראב"ד. דער ראב"ד זאגט... וואס זאגט דער ראב"ד? דארף נחת רוח דמבטל זיין. ער זאגט, כופין אותו, דורך דעם וואס מ'איז מזכה, כאילו מ'רעכנט זיך נישט מיט אים, ער וויל נישט אז דער מבוי זאל זיין עהם, אן עירוב, ווייל ס'איז קעגן די עירוב. כופין אותו, מ'איז אים יא מזכה, און ס'קוקט נישט אויס ווי ס'איז א זכות פאר אים. ניין, אבער ס'זעט נישט אויס אזוי. דער לשון "כופין אותו" זעט אויס ווי... קענסט זאגן אז מזכה זיין קען מען זיכער, אבער מ'דארף נעמען פון אים, אזוי סתם איז ער נישט מתייאש פון די שאלה.

יא, נישט קלאר. ווייס נישט. ס'איז נישט נוגע פאר די אלע מענטשן וואס קריגן זיך מיט די עירוב, אבער עניוועיס... יא.

**הלכה ג — מזכה זיין פון אן אוצר**

ווייטער, דא שטייט יא, די זכוי. יעצט גייען מיר לערנען אז מ'קען מזכה זיין. סעיף ג', יא? **"אחד מבני המבוי שיש לו אוצר של יין ושמן וקציר, הרי זה מזכה ממנו מעט לכל בני המבוי להשתתף בו, ומערב בו עליהם"**. אויב איינער האט אסאך פון א געוויסע זאך, קען ער מזכה זיין אביסל פאר יעדן פון די בני המבוי, זיי זאלן ווערן מיט אים שותפים, און מיט דעם מאכט ער אן עירוב.

**חידוש: אף על פי שלא הפרישו ולא יחדו**

זאגט ער די חידוש דא, **"אף על פי שלא הפרישו ולא יחדו"**. דאס איז זיכער אז מ'קען, מ'האט שוין געזאגט די דין פון מזכה זיין, אז טאקע מ'נעמט אין א טעלער און מ'איז מזכה פאר די מענטשן. דא איז די חידוש, אז אפילו ער האט נישט עקטשולי עס אריינגעלייגט אין א ספעציעלע, טאקע עס מפריש געווען, ס'ליגט ווייטער אין זיין אוצר, אבער ער האט געגעבן רשות אז יעדער איינער קען... די אוצר באלאנגט פאר אלעמען, נישט די גאנצע אוצר, א חלק פון די אוצר, "מעט לכל בני המבוי". געגוג, אבער דאס איז אן א שיעור. אפילו אויב די שיעור איז געווען וואס איז מערב בו אוצר, הרי זה מערב בו אוצר, הייסט עס דאך א שותף.

אינטערעסאנט. סא ווייטער, באלד וועלן מיר זען אז מ'קען מזכה זיין, נאך מער הלכות וועגן מזכה זיין.

**קשיא: וואס איז די כח פון זכייה?**

אבער פרעגסט א גוטע קשיא, וואס איז די כח פון דעם וואס מ'קען מזכה זיין? אפשר וויל ער נישט זוכה זיין. אבער דעמאלטס איז דא... יא, נאר גופא, מ'קען אפילו שלעפן פון אים געלט. לאמיר זאגן, ס'איז נישט דא דא איינער וואס האט עקסטערע עסן און ער וויל אוועקגעבן פאר יעדן. קען מען גיין שלעפן פון אים, ווייל ס'איז... טייטש, מ'רופט זיך נאך אן, "זענען ענינים, זענען ענינים". ווייל די קליין ביסל וואס ער דארף געבן, איז נישט קיין דבר מרובה, ס'הייסט נישט, ס'איז נישט קיין שיעור וואס זאל הייסן גניבה אדער פסל דעתיה. און ער גייט הנאה האבן דערפון אז ער גייט מעגן טראגן אין די מבוי.

**חידוש: פארוואס רעדט מען דווקא פון אוצר?**

מצד שני, זעסטו דא קלאר אז די דין פון זכוי איז משום שפארט, ווען ס'מאכט זיך פונקט איינער האט אסאך. ס'איז נישט איינער לעבט אין... מיר האבן געלערנט אז דעמאלטס זאגט מען אז מ'דארף נישט מפריש זיין אין א כלי, ס'איז גענוג אז ס'בלייבט אין "הרי הוא מערבו באוצר". פארוואס מ'לייגט עס ממש אין א כלי און מ'איז מזכה, איז דאך פשוט אז מ'קען, אדער ווי ס'איז שוין געזאגט פריער. נישט קיין חילוק. איך זאג אבער פארוואס שטייט דא די מעשה? ווייל ער וויל דא זאגן די חידוש אז אפילו ווען ס'איז מעורב באוצר הייסט עס אזוי ווי ער האט מפריש געווען אלץ שיתוף.

איז דא נאך א זאך, אפילו בשלא הפרישו, דאס איז נאך א הלכה. סתם איז דא א קשיא, דו ביסט גערעכט, ס'איז דא א קשיא אין די גמרא צו מ'מעג מזכה זיין מיט אן אוצר. אבער איך וואלט געטראכט עפעס אנדערש. ווי מיר האבן געזען פריער די הלכה פון זכייה, סתם געשטאנען אז מ'קען מזכה זיין.

בעירוב חצירות מיינסטו צו זאגן. אמת. און מיר ווייסן נאך נישט אז אלע הלכות זענען די זעלבע. ס'שטייט קיינמאל נישט אז אלע הלכות זענען די זעלבע. אפשר יעדע זאך דארף מען זען עקסטער.

**חידוש: עירוב קאסט עפעס**

קען זיין אז, איך האב געטראכט סתם, אז אפשר אונז זענען מיר צוגעוואוינט אז דא האסטו איבריג עסן, ס'קאסט דיר גארנישט צו לייגן א שותף. אבער ס'זעט אויס פון די אלע הלכות אז עפעס קאסט עס. אוודאי, דו ביסט גערעכט, ס'איז ווייניג, מ'קען אפשר קויפן, איך ווייס נישט. אבער ס'איז נישט פשט אז איבעראל קענסטו מזכה זיין. דא זאגט ער מ'קען מזכה זיין, ס'איז דא איין גביר וואס קען אפארדן פאר יעדן. דער אוצר איז דאך א זאך וואס ער קען אפארדן, ווייל ס'גייט דאך ניצן, יעדע שבת דארף מען זיך רעכענען, ס'איז נאך דא. אבער דאס וואס אונז טוען, סתם מ'נעמט א... אקעי, ס'איז זייער ביליג, אבער אפשר היינט איז מצות ביליג, וואטעווער. ס'זעט אויס פון די אלע הלכות אז מ'אסומט אז ס'קאסט עפעס. מ'קען נישט בעטן, ס'איז דא א געוויסע תביעה, מ'דארף בעטן. אוודאי, מ'קען מחייב זיין פאר מענטשן צו געבן אביסל. אז יעדער געט אביסל איז עס אפארדעבל. אבער זאגן אז סתם איינער זאל געבן פאר יעדן, פון וואו האט ער איבריג חלה פאר יעדן? פארשטייסט וואס איך זאג?

**חידוש: פארוואס רעדט מען נישט גלייך פון זכייה?**

מער ווי דעם כאפט ער אן די פאל פון "עולה עולה עד שיעלה לשם". און איך זאג אויך, איך פרוביר אויך צו ענטפערן פארוואס מ'גייט נישט גלייך צו זכייה. אויב מ'קען מזכה זיין, איז דאך אן ענין, מאך א זכייה, מאך דיך נישט משוגע, טו אזויפיל הלכות פון וועמען, מיט תביעות, וויאזוי איז מיט תביעות. זעט אויס אז ס'איז נישט אנגענומען, ווייל זכייה דארף אויך פת, און ווער האט איבריגע פת פאר די עירוב? פארשטייסט וואס איך זאג? א נארמאלע אופן, מ'בעט אביסל פון יעדן, ארבעט זיך עס אויס. איך זאג, אין הלכה קען מען טאקע, און דאס איז פארוואס די הלכה רעדט נישט פון דעם, נאר מ'רעדט פון קביעות, ווייל אונז זעט עס אויס ווי ס'איז אסאך גרינגער צו געבן און נעמען אן עקסטערע מצה און יענעם מזכה זיין. מ'רעדט אבער נישט אין אזא ריאליטי. מ'רעדט אין א ריאליטי ווען אויב מ'וויל יעדן אזוי געבן אביסל, דארף מען טאקע קויפן זיין. איי, איך האב געטראכט אז כאילו ס'איז נישטא מצות אין די וועלט און ס'פליעט נישט איבעריגע מצות. דאס וועט זיין גוט ווארט איך טראכט.

**הלכה ד: חצר הפתוחה לשני מבואות**

## Speaker 1:

מ'זאגט אין הלכה קען מען טאקע, און דאס איז פארוואס די הלכה רעדט נישט פון דעם, נאר מ'רעדט פון קביעות, ווייל אונז זעט עס אויס ווי ס'איז אסאך גרינגער צו געבן א נעמען עקסטרע מצה און יענעם מזכה זיין, אבער מ'רעדט דא נישט אין אזא רעאליטי, מ'רעדט אין א רעאליטי ווען אויב מ'וויל יעדער אזוי געבן אביסל, דארף מען טאקע קויפן זיין. איך האב געטראכט, דא, אז כאילו עס איז נישטא מצות אין די וועלט היינט, ס'פליעט נישט איבעריגע מצות. עס וועט אייער גוט, ווייט איך.

אקעי, עד כאן איז בעצם די הלכה פון... אממ... אקעי, איך ווייס נישט, וויאזוי מ'קען מען זאקס נאכדעם, יעצט קען מען לערנען אז סאך פרטים אין די זיכוי וועט. ארי, אזוויוי יעצט פריער האבן דאס געלערנט, וואס טוט זיך ווען צוויי חצרות זענען קאנעקטעד, און דער מענטש וויל אפשר זיין נאר חלק מיט איינס, און איך קומט עס נישט מיט די אנדערע. אבער דער זאל מיר מענטש קיינמאל וואס ס'שטערט.

יעצט וועט מען אז עס איז דא א אופן פון זיכוי, אז דאס איז נישט נארמאל. איך זאל מיר גערעכט אז מען פלוי געלערנט צוויי חצרות וואס קענען ווערן צוזאמען. אבער יעצט רעדט מען פון צוויי מבואות, און די שאלה עס איז אויף לעכר מובי. איך זאג אז עס איז אויסגעשטעלט אזוי ווי פריער, די הלכה פון חצי, און יעצט זאגט מען די זעלבע ענליכע הלכה און מבוא. יעצט זאגט מען אז עס טוט זיך פון אזא מין מצב און מבוא, אז א מענטש וויל זיין א חלק פון איינע ווואלערן.

## Speaker 2:

ניין, אבער זיי האבן נישט געלערנט די הלכה קיין, נישט ביז יעצט האבן עס נאר געלערנט הלכות פון וויאזוי מען קען זעטיילן. אונז האבן פייער א ג' האבן אונז געהאט ווען ער פרעגן די צוויי שיטס פונעם ניצן איינע מיט די אנדערע...

## Speaker 1:

יא יא, אלע מינער עפערנען פון וויאזוי ווערט צוזאמען, וויאזוי מען קען מאכט צוזאמען. אבער דא יעצט ווערט א זאך וואס ווערט א שאלה וועגן די זוכה. ווייל דער שאל איז וועלכער מובי דיין חצה וויל זיין פארט. דו ווילסט בכלל זיך משטאטעווי זיין מיט די, אדער בכלל מיט יענער. מ'קען אפשר מיטביידע צוזאמען, אבער עס האבן אז מ'מאכט נישט מיט ביידע צוזאמען. מ'מאכט נאר מיט איינס, און וויבאלד האבן זעהן וויאזוי מען מאכט אלעס צוזאמען.

## Speaker 2:

סאו איך געדענק נישט אז א בייעס אין א חצה איז נישט הוגער. ווייל א בייעס אין א חצה, חוץ, האבן די דעפאנען וואס עס האבן געלערנט. סאו אום ראט צו, יא. אבער דעמאלטס איז נישט שייך צו טשויזן.

## Speaker 1:

נאר ביי א חצה צווישן צוויי מבוי'ס אין שייך אז מ'זאל קענען אים א טשויס. אדער דעי אדער יענער, איך דארף אים וויסן וועלכע דו ווילסט.

**לשון הרמב"ם: חצר שיש לה שני פתחים לשתי מבואות**

## Speaker 1:

אקעי, **חצר שיש לה שני פתחים ופתחים ולשתי מבואות**, א חצר וואס האט צוויי טירן און זיי זענען אפן צו צוויי אנדערע מבואות, **איז אומר משתתף עם אחד מהן בלבד**. אויב דער מענטש האט נאר משתתף געווען מיט איינע פון די צוויי מבואות — נישט דער מענטש, דער חצר, רייט? דער חצר האט זיך נאר משתתף געווען מיט איינע פון די צוויי מבואות, **נאסרו במבוי השני**. די חצר מעג נאר טראגן צו די איין מבוי צו ווען זיי האבן געמאכט שיתוף, און זיי ווערן גע'אסר'ט אויף די מבוי השניה, **ואחד מהן מוציא ומכניס בה.**

ס'איז די ווערטער "נאסרו" איז נישט יעצט געווארן נאסר מיט דעם מאכן, ס'בלייבט אסור, רייט? דיין משתתף זיין מיט איינס העלפט נישט לגבי די אנדערע. ער זאגט נישט מיט דעם וואס דו ביסט מגלה דעת געווען אז דו ביסט מבטל דיין רשות פון דיין חצר צו די מבואות. ניין, ס'איז די זעלבע. אבער מיט יעדע מבוי דארפסטו עקסטער מאכן א דיעל.

## Speaker 2:

יא, אדער מ'קען מאכן איין גרויסע, באט יא, ער מיינט לכאורה דאס צו זאגן.

**זיכוי בשיתוף לבני מבוי — צריך להודיע**

## Speaker 1:

אבער **לפיכך**, יא, **לפיכך**, קומט אויס אזוי, **זיכה אחד בשיתוף לכל בני מבוי ושותף עליהם**, איינער האט מזכה געווען, ער זאגט דא, וואס טוט זיך ווען די שיתוף מבואות איז געשען באופן זיכוי? איינער האט מזכה געווען פון זיין עסן פאר אלע בני מבוי ושותף עליהם, רייט? **צריך להודיע לאנשי חצר זו**, די חצר וואס איז אין די מבוי, באט זיי זענען אויך קאנעקטעד צו אן אנדערע מבוי, דארף ער זיין מודיע זיין אז ער מאכט פאר זיי א שיתוף מבואות, **שאין משתתפין אלא מדעתן**. פארוואס? **שאין זה חסרון להם.**

פאר אלע אנדערע מענטשן, וויבאלד ער איז מזכה פאר אלע אנדערע מענטשן האבן מיר שוין געלערנט אז מ'דארף זיי נישט מודיע זיין, אזוי זאגט כאילו אדם שלא בפניו. ס'איז גענוג אז ער איז מזכה פאר זיי. אבער דער מענטש וואס וואוינט צווישן די צוויי מבואות...

### Speaker 2:

ניין, ס'זעט דא אויס אז דער מענטש וואס וואוינט צווישן די צוויי מבואות קען נאר גיין אדער מיט די מבוי אדער מיט די מבוי, ער קען נישט בילאנגען צו ביידע.

**קשיית הרב — איזו חובה יש לו?**

### Speaker 1:

זאגט די הלכה, ס'איז א גרויסע פראבלעם, דער רמב"ם זאגט אז וויבאלד... דער רמב"ם זאגט אז אויב מען מאכט מיט איינס קען מען נישט מיט די אנדערע, ממילא דארף ער מודיע זיין, שבת מביא א שיינע ראיה פון שנת תף, לא זו אף זו.

פרעגט דער הייליגער רב גלייך אדיין א קשיא, איך פארשטיי נישט, וואס איז די חובה? וואס שטערט עס? ער קען ביידע. דאס הייסט, עס שטערט נישט, מ'קען איינס, נאכדעם וואס מ'האט געמאכט איינס קען מען נאך צולייגן די צווייטע. עס שטערט בכלל נישט. אמת? מיט דעם הרג'עט אים גארנישט אפ. בסך הכל, מיט דעם מאכסטו אים נאר איינס, ער באלאנגט אין תליסא אין איין מבוי. אויב וויל ער נאכדעם זיך משתתף זיין מיט'ן אנדערן מבוי, קען ער זיך משתתף זיין מיט'ן אנדערן מבוי. סאו פארוואס טאקע?

### Speaker 2:

יא, גוט, ס'איז קיינעם פאלט נישט איין.

### Speaker 1:

דאס הייסט, דער רב ברענגט אזוי, ער שטייט אפשר אין די מפרשים אין די גמרא, מ'דארף קוקן אין די גמרא וואס ער ברענגט. אבער דער רב פרעגט א קשיא, איזו חובה יש לו? ס'איז עניוועי מותר אין ביידע. דאס הייסט, אפשר איז דא א שיטה וואס זאגט אז מ'קען נישט זיין מותר מיט ביידע, באט אונזער הלכה איז קלאר אז מ'קען זיין מותר מיט ביידע. איז וואספארא חובה איז עס? ס'איז טאקע שווער.

די מפרשי הרמב"ם ווילן זאגן תירוצים, אז כאילו בעצם די זעלבע זאך קען זיין בחצר. איך פארשטיי נישט פארוואס. באט אפשר וויל ער דוקא נישט, דאס איז די ווארט. אפשר וויל ער דוקא נישט די עירוב. ס'איז דא אזא זאך, א מענטש וויל דוקא נישט די עירוב.

**דיון: פארוואס איז עס נישט א זכות — ביידע מבואות וועלן זיך טרעפן אין זיין חצר**

### Speaker 2:

איך קען הערן, ווייל אויב ווערט עס א שיטוף אין די מבוי, און אלע אנשי מבוי מעגן דורכגיין צווישן זיין חצר צו די נעקסטע מבוי. ער איז דאך די מיטל וואס איז קאנעקטעד צו צוויי מבואות.

### Speaker 1:

אה, סאו כאילו, איך פארשטיי וואס דו זאגסט. ווייל איך בין מיר שווער געווען, ווייל אויב דו זאגסט סתם אז דו האסט א נייע זאך אז מ'קען זאגן "איך וויל נישט", דעמאלטס שטימט נישט די פריערדיגע הלכה אז מ'קען כופה זיין. ס'איז נישט אזא זאך אז מ'וויל נישט. און אויך, דער רמב"ם זאגט נישט אז ער וויל נישט אין יענע. דער רמב"ם זאגט, אפשר וויל ער די עירוב און נישט אין יענע. פארשטייסט? ער וויל די עירוב, נאר ער וויל עס זאל זיין אפן צו ביידע. און דעמאלטס ווערט יעצט די גאנצע... יעצט איז ער אריין, ווייל די מענטשן פון די צוויי מבואות וועלן זיך קענען טרעפן אינמיטן די מיטל פלאץ, אין די חצר פון דעם מענטש.

### Speaker 2:

רייט, איך הער. זאגסטו אז אפשר דוקא ווייל ער איז אפן צו צוויי, דעמאלטס ווערט א גרעסערע פראבלעם, ווייל ער וויל נישט זיין צוויי, און יעצט האט ער נישט קיין ברירה, יעצט מוז ער מאכן צוויי, ווייל ער קען נישט... איך מיין, אויב ער וועט מאכן מיט איינס, וועט שוין אויטאמאטיש...

### Speaker 1:

סאו אונז זעען מיר דא אויך אז מ'קען נישט כופה זיין ווען יענער האט עפעס אן ארגומענט. ס'איז אזוי משמע געווען, ווייל די לשון איז געווען אזוי, ווען יענער איז א משוגענער, געווענליך איז ער א שוטה פון די תשע מידות, ער איז אין א שלעכטע מאוד. אויב האט ער אבער א לעדזשיטימעט ריזן, אזוי ווי אונז זעען דא, אין אזא פאל קען מען נישט, איז נישט קיין זיכערע זכות. אזיוויי דו זאגסט, איז נישט איינער זכות להם. פארוואס זאל ער נישט קענען מאכן נאר מיט יענער אויב ער וויל? אויב ער וויל נאר מיט די אנדערע, גייט ער מאכן מיט די אנדערע, און דו פארסט אים ארויף אויך צו זיין מיט דיר. דעמאלט גייען ביידע...

### Speaker 2:

מען פארסט נישט, ווייל וואס לאמיר זאגן יענער טראכט, אויב יענער די מבוי אויף צד צפון האט א דיעל מיט מיר, ווייל ער האט מיר זאכן געגעבן, אקעי? יעצט איך מיט אים זענען איין שותף מבוי. נאכדעם גיי איך צו די אנדערע זייט, און איך מאך מיט אים א דיעל. דער ערשטער מעג יעצט גיין אלל די ווער צו די דריטע? ער האט נישט קיין דין מיט די דריטע.

### Speaker 1:

ניין, ער קען נישט, אבער ביידע זאלן קענען גיין צו די מיטלסטע. ביידע זאלן קענען מאכן א גרויסע פארטי ביי די מיטלסטע, און ער וועט ברענגען עסן פון דא און ער וועט ברענגען עסן פון דא. און דאס איז וואס ער האט מורא.

### Speaker 2:

אה, יא יא.

### Speaker 1:

יא גוט.

**כלל: זכין לאדם נאר ווען ס'איז טאקע א זכות**

### Speaker 1:

אין אזא פאל איז נישט קיין זכות.

אקעי, סאו דארף מען מדייק זיין. דארף מען מדייק זיין, ס'דארף נאר זיין אויב ס'איז טאקע א זכות פאר אים.

איך וועל דיר זאגן אז מיט דעם שטימט די לשון הרמב"ם פריער. ס'איז געווען א לשון וואס האט געגעבן די משמעות אז מ'איז כופה ווען ער האט נישט קיין עכטע סיבה נישט צו. ס'איז געשטאנען די לשון, געווענליך איז ער א שותף. איך וויל אים נישט האבן פאר א שותף, איך ווייס אז ער איז א שלעכטע מוד, ער ענטפערט נישט. דעמאלטס קען מען אים כופה זיין, ווייל ער האט נישט קיין אמת'דיגע סיבה. דא רעדט מען ווען ער האט יא אן אמת'דיגע סיבה, דעמאלטס קען מען נישט כופה זיין, ס'איז נישט קיין זכות פאר אים.

### Speaker 2:

אליזשענטעס, יא.

**הלכה ה: אשה מערבת לבעלה**

### Speaker 1:

אקעי. ווייטער, אונז גייען לערנען אן אינטערעסאנטע הלכה פון ווער קען...

### Speaker 2:

ס'איז א המשך פון דעם.

### Speaker 1:

ס'איז א המשך פון דעם, ס'איז געווען אן ענליכע הלכה, די ווייב קען מאכן פאר די מאן?

### Speaker 2:

יא, ס'איז אין... האבן מיר נישט שוין געזען?

### Speaker 1:

ער זאגט דאס לגבי מבוי. **אשה של בעלה מערבת שלא מדעתו**, אפילו אן זיין וויסן, **ובלבד שלא יהא ישראל שכנו**. וואס הייסט? בתנאי אז ער וויל. איז דאס די טייטש?

### Speaker 2:

אה, ער איז נישט איינער... יא יא.

### Speaker 1:

וואס הייסט? **אבל אם היו ישראל עליהם, אחד מערב ואחד לא מערב, אסור לו לערב שלא מדעתו**. אויב איז דא א כלל... ס'איז נישט דא קיין פריערדיגע הלכה. ער זאגט "מערבת", "מערבת" מיינט עירובי חצרות. ס'איז נישט געשטאנען קיין פריערדיגע הלכה וועגן אשה. דא איז נישט געשטאנען. ס'איז געשטאנען וועגן די אשתו שלא כגופו, האב איך געדענקט, אז מ'קען זוכה זיין פון איר. זי האט מעריב'ס, איר מאן שטייט עפעס, אבער ביידע.

### Speaker 2:

אונז האבן מיר עס נישט געהאט אין ערשטן פרק פון הלכות עירובין, אדער צווייטע? אה, ווייל דאס איז ווייטער הלכות זכיה. איך געדענק נישט, נאר איך געדענק וועגן די גוי איז געשטאנען אז מ'קען פרעגן פון עניוואן. אה, ס'איז געשטאנען לזכות להן על ידי שפחתן. אה, אה, נאך א זאך. נישט על ידי אשתו, וואטעווער. אה, די על ידי אשתו, איך געדענק שוין נישט. אבער דאס איז די ענין פון אנשי הבית. דא איז אביסל אן אנדערע הלכה.

### Speaker 1:

אקעי, דאס איז די אנדערע, קיצור ס'איז א המשך פון זכין לאדם. דאס הייסט, מ'קען... אבער דא קומט אריין אשתו, נישט ווייל זי איז מזכה. ס'איז אנדערש, רייט? זי האט א רעכט. ווייסט וואס דאס איז? בעיסיקלי ס'איז דאך צוויי הלכות. דאס איז איינס, אז די פרוי האט די רעכט צו מזכה זיין פאר דעם מאן. אבער דאס גייט צוריק צו די רעגולער הלכה, טאקע נאר ווען ס'איז א זכות פאר אים. ווייל די ווייב'ס מערב זיין האט אויך זיין באופן פון זכין לאדם. נישט אז זי האט די רעכט אליין צו זיין בעל הבית אנשטאט דעם מאן.

**וואס מיינט "אוסר"?**

### Speaker 1:

**כיצד אוסר?** וואס מיינט אוסר? וויאזוי זאל זי מגלה זיין די עסק? נישט ער מעריב במקום, און זי מעריב במקום. דאס הייסט, לגבי עירוב חצרות אדער לגבי עירוב תחומין. אקעי.

### Speaker 2:

יא. איך זאג נאר, איך האב נישט פארשטאנען, און דער ר"ן האט אן אנדערע פשט. אקעי, נישט קלאר. ווייל פרעגסטו ווייטער, פון וואו נעמט מען דאך דא קויפן? ס'איז נישט קלאר די גאנצע זאך. יעצט איז דאך קלאר אז א מענטש קען אוסר זיין. דאס איז ממש יענע מענטש פון די פריערדיגע הלכה וואס מ'האט געזאגט אז מ'גייט אים רופן אין בית דין, מ'גייט אים אנשמייסן ביז ער זאגט יא.

### Speaker 1:

אבער איך מיין אז די אוסר רעדט אז מ'רעדט דא נאר וועגן די מענטש וואס בילאנגט צו צוויי מבואות. ווען ער האט יא די רעכט צו אסר'ן אויף שכנים, דעמאלטס קען אויך די ווייב מאכן פאר אים.

**שיטת הר"ן — כשעושר**

### Speaker 2:

דער ר"ן טענה'ט נישט ממש אזוי, נאר עפעס ענליך צו דעם, רייט? אז די הלכה רעדט זיך ווען ס'איז דא אן אנדערע וועג. כשעושר הייסט אז זיי האבן נישט קיין אנדערע וועג. פארקערט, דעמאלטס כשעושר קען זיי יא מער זיין שלמה דעתא, אזוי זאגט דער אב"ד, ווייל דעמאלטס דארף מען אים האבן.

**הלכה ה (המשך): עירוב שלא מדעתו — שיטת הראב"ד**

**Speaker 1:** כשאין לו, כשעושה עירוב הייסט אז ער האט נישט קיין אנדערע וועג. פארקערט, דעמאלטס כשאין לו קען מען יא מערב זיין שלא מדעתו, אזוי זאגט דער ראב"ד, ווייל דעמאלטס דארף מען אים האבן. אויב מ'דארף אים נישט האבן, דעמאלטס דארף מען אים פרעגן צו ער וויל. אזוי טענה'ט דער ראב"ד. מ'דארף קוקן אין די גמרא, דער ראב"ד זאגט דארט א מעשה פון עובדא דזינא, מ'דארף זען וואס ס'איז געווען דארט.

**Speaker 2:** יא, ס'איז מיר נישט קלאר, ווייל דאס איז די וויכטיגע זאך, צו מ'קען צווינגען א מענטש. ער זאגט אז ס'איז א זכות, אבער ניין, ס'ווענדט זיך וואס ער וויל. דאס וואס מ'זאגט פריער זכות מיינט נאר אז געווענליך מענטשן ווילן.

**חידוש: זכות מיינט נאר וואס מענטשן געוויינטלעך ווילן**

**Speaker 2:** יא, אבער ס'איז דא א חילוק צווישן קויפן און נישט קויפן. קויפן איז נישט מיט די זכיה, קויפן איז אז יענער דארף וועלן, ס'איז א צווייטע זאך. קויפן מיינט נישט אז מ'איז אים מזכה, קויפן מיינט אז מ'זאגט אים אז ער איז א חייב, אבער ס'מאכט אים נישט קיין עירוב. אדער אה, איינמאל ס'האט מען געכאפט זיין ברויט, אויב ער איז רוגז, ווייס איך נישט. ס'איז נישט קלאר אז די פארט איז נישט.

**Speaker 1:** פריער רעדט מען ווען ער איז רוגז, דא רעדט מען ווען אונז האבן מיר נאך נישט פארברענגט מיט אים. יעצט נאר די ווייב זאגט אז יא. דאס איז אפשר אזוי. יא יא, מסכים, רשט אויס. מ'ערוב'ט מיינט לכאורה אז זי געבט א ברויט, רייט? זי מעג געבן, יא.

**Speaker 2:** אקעי, יעצט קען מען לערנען פריער וואס איז... דו ווייסט וואס איז די הלכה אז א פרוי מעג געבן א דבר מועט, למשל א בת דגה? ווייסט נישט? ס'האט צו טון מיט הלכות כתובות. איך מיין דאס איז הלכות כתובות. קען זיין, ווייס איך נישט.

**הלכה ו: שיתוף מבואות — במין אחד או בשני מינים**

**Speaker 2:** לאמיר זען די נעקסטע הלכה. יעצט קען מען לערנען עפעס א פרט פון דעם, דאס הייסט, דא איז פארהאן וואס מ'דארף מדייק זיין, וואס ער קען נישט טון שלא מדעתו, וואס איז געווען שוין אן עירוב, אבער מ'דארף מאכן יעצט א נייעם, ווייל ס'האט זיך שוין געענדיגט, יא?

**שנתערבו אחד מחצר זו ואחד משני מבואות. איז אזוי, אם במין אחד נשתתפו**, אויב האבן זיי זיך משתתף געווען מיט די זעלבע סארט עסן, נאר איין סארט עסן, יא, **אפילו כלה אותו המין**, אפילו אויב ס'האט זיך שוין געענדיגט די עסן, וואס הייסט ס'האט זיך געענדיגט? מ'האט עס אפגעגעסן. די בני המבוי האבן עס געגעסן. די שיתוף מבואות וואס מ'מאכט, מ'עסט עס. ס'איז נישט קיין זכר בעלמא. איז **רשאי אותו שותף אחר ומזכה להם**, מאכט ער א נייע, און ער דארף זיי נישט זאגן, ווייל ס'איז דא א הסכמה פון פריער אז ס'איז דער זעלבער מין, און אונז ווייסן שוין אז די מענטשן האבן מסכים געווען צו ווערן שותפים אויף דעם מין.

אבער **אם בשני מינין**, וואס איז די חילוק? **אם בשני מינין נשתתפו, ונסתם האוכל**, ס'איז שוין נישטא די שיעור, און איינער וויל מזכה זיין, געבן אז ס'זאל זיין די שיעור, **מוסיף ומזכה להם ואינו צריך להודיע**. אויב ס'איז נאר דא א ביסל, ס'איז נאך דא א ביסל. אה, ס'איז פשט אזוי, ס'הייסט אזוויי ער טוט דא אפשר א נייע זאך, ס'הייסט אזוויי ער איז מחזק די עקזיסטינג עירוב. **ואם כלה**, אבער אויב ס'האט זיך געענדיגט, ס'איז צוויי מינים, און ביידע מינים האט מען געדארפט מאכן א נייע, I guess, yes? ס'איז אינגאנצן נישטא גארנישט. יא, איז אפשר דער עולם נישט מסכים אויף א נייע. פארוואס? ווייל ער גייט מאכן א דריטע מין. ווייל איינמאל ס'איז שוין דא טשויסעס, ס'איז שוין דא וועלכע פון די צוויי מינים מ'זאל מאכן די נעקסטע. ער קען מאכן פונקט די זעלבע צוויי מינים, וואס גייט מיך אן?

**קושיא: ווי קען מען משתתף זיין בשני מינים?**

**Speaker 2:** און בכלל איז דאס שווער, האבן מיר דאך פריער געלערנט אז מ'דארף האבן די זעלבע מין. ס'איז נישט קלאר. נישט אזוי האבן מיר געלערנט פריער, ס'איז געשטאנען על עס פאר די שותפות אז ס'דארף זיין

איין מין. פרעגט שוין דער ר"ן, **וזה פירוש שבושי שאינם יכולים להשתתף אלא במין אחד**, וויאזוי קען בכלל זיין? אפשר שני מינים מיינט פשוט אז ער טוישט די מין. אפשר דאס מיינט ער, אבער דער ראב"ד האלט נישט אזוי. דער ראב"ד זאגט אז מ'קען נישט משתתף זיין מיט צוויי מינים. און סא דער ראב"ד און דער רמב"ם קריגן זיך צו מ'קען משתתף זיין מיט צוויי מינים, און דאס אליין איז א חלק פון זייער מחלוקת.

**מחלוקת רמב"ם וראב"ד: כל הדברים מצטרפין לשיעור השיתוף**

**Speaker 2:** יא, ער זאגט אין די מגיד משנה אז די מחלוקת איז שוין דא אין פרק א', איך געדענק, הלכה י"א. ער זאגט אז ס'שטייט דארט אז אין פרק א' הלכה י"א שטייט אז דער רמב"ם האט געזאגט אז **כל הדברים מצטרפין לשיעור השיתוף**. זייער גוט. האט דער ראב"ד געזאגט אז דאס איז נישט ריכטיג, נאר אויף עירוב חצרות וואס איז עירוב תחומין, קען מען, אדער שיתוף מבואות, טענה'ט דער ראב"ד אז מ'קען נישט צוזאמלייגן צוויי מינים. ס'איז טאקע א מחלוקת מפורש צווישן רמב"ם און ראב"ד אין פרק א'.

סא לויט'ן רמב"ם'ס פשט אז מ'קען מאכן משני מינים, קען זיין דא אזא הלכה, וואס די פשט פון די הלכה ווייס איך נאך אלץ נישט. אבער לויט'ן ראב"ד'ס פשט קען נישט זיין דאס, מוז מען מיינען אז דאס וואס שטייט אין די גמרא "שני מינים" מיינט אז מ'טוישט די מינים אינצווישן. דאס קען זיין.

**Speaker 1:** רייט. דאס איז פשוט'ע פשט אין די ראב"ד'ס. דער ראב"ד האט געלערנט אזוי ווי דער רמב"ם. ס'זעט אויס אויב ס'איז צוויי מינים, בקיצור, אויב ס'איז א טשעינדזש, ס'איז נישט קלאר פארוואס צוויי מינים הייסט א טשעינדזש. דאס הייסט, אפילו אויב ער מאכט די זעלבע צוויי מינים, אדער ס'איז נישט עקזעקטלי די זעלבע קיינמאל נישט.

**חידוש: פארוואס ביי שני מינים ווענדט זיך דער מין**

**Speaker 2:** אינטערעסאנט. ס'איז טאקע אזוי. באמת, באופן וואס מ'קען מאכן זכוי לאדם שלא בפניו, איז נישט קיין חילוק די מין. אבער דעמאלטס, ווען אל זכין קען מען נישט, ווייל מ'רעדט דא וועגן די עיר, מ'פארלירט עפעס כאילו. דער מענטש וואס באלאנגט צו די צוויי מבואות, וואס איז נישט קיין זיכערע זכות, ווייל אפשר וויל ער זיין מיט די אנדערע מבוי. און דעמאלטס ווענדט זיך עס אין די מין. ס'איז זייער, ביי די ווע׳. א חצר האט אלעמאל מער ווי איין מענטש. יא.

**Speaker 1:** אקעי. און די תוספות אין שבת ח' זאגט... ס'איז שוין געווען אן עירוב צווישן די חצר מיט די אנדערע. איז ווייטער די זעלבע זאך, אז די חצר איז דאך נישט קיין קלארע זאך אז זיי ווילן זיין א חלק פון דעם מבוי, ווייל אפשר ווילן זיי דוקא זיין נאר פון די אנדערע, איז אויך, מ'זאגט, מ'קען מ'מדייק זיין אז **"וצריך להודיעם"**. צריך להודיעם מיינט צו זאגן אז ס'וועט טאקע נאר ארבעטן אויב זיי זענען מסכים.

**Speaker 2:** רייט. איך האב טאקע אזוי געוואוסט. רייט. וואס זיי ווילן מאכן.

**הלכה ז: חצר שנשתתפה עם שני מבואות**

**Speaker 1:** און ווייטער, די זעלבע חצר, וואס טוט זיך אזוי? אנשטאט ווי חצר זענען מבוי זענען פתח זה, און מבוי השני פתח האחר. אז זיי האבן יא געמאכט ביידע, ביידע אבער נישט אלע דריי צוזאמען, איז דער תירוץ איז, דער תירוץ פון די משנה איז, **"מערבין שניהם עמו"**, אבער **בשתי מבואות אסור זה על זה**, אבער ס'ווערט נישט אזוי ווי איין גרויסע מבוי. חוץ אויב זיי מאכן איין גרויסע שותף, אבער זיי האבן געמאכט צוויי, ס'איז איינס פון די וועג און איינס פון יענע וועג. **"לא יערבו עמהם"**, זיי האבן נישט געמאכט קיין איין עירוב, ס'איז נאר געבליבן אן עירוב מיט איינס פון זיי נישט. זיי האבן נישט געמאכט מיט קיינעם פון זיי נישט. ווייל זיי האבן נישט אזוי, זיי אוסר'ן זיך על שניהם.

**Speaker 2:** ווייל וואס? ווייל ביידע האבן די ריסא רגלא, אזוווי זיי האבן גערעדט אין די פריערדיגע פאל. יא, ס'איז אזוווי א חצר וואס איינער האט נישט משתתף געווען. דאס הייסט, קיינער מעג נישט טראגן צו די צווייטע מבוי, און נישט נאר דעם, ער איז אוסר על שניהם. וואס הייסט? אזוי ווי דו זאגסט, אז ביידע פון זיי מעגן נישט טראגן צו איר.

**הלכה ח: חצר שהיא רגילה בפתח אחד**

**Speaker 1:** וואס טוט זיך אזא זאך, ווען דער מענטש וואס איז דער חצר, נישט דער מענטש, דער חצר וואס איז משותף צו די צוויי, וואס איז קאנעקטעד צו די צוויי מבואות, אבער מיט איינס פון זיי זענען זיי מער קאנעקטעד. ס'איז דא א **חצר שהיא רגילה בפתח אחד**. ער האט טאקע פתחים צו צוויי מבואות, אבער צו איין מבוי האט ער א פתח וואס ער נוצט, וואס איז אן אמת'דיגע טיר וואס מ'נוצט אסאך, און א פתח שני אין רגילה בו. איז **"זה שרגילה בו אוסר, ושאינה רגילה בו אינו אוסר"**. אסר'ט ער נאר אויף די מבוי וואו ער איז טאקע רגיל, ווייל מ'קוקט עס אן ווי ער באלאנגט צו יענע מבוי.

**Speaker 2:** סאו אוסר מיינט אז ער אסר'ט אויך אז יענע חצירות ביי זיי טארן נישט אריינגיין אין די מבוי, ווייל כאילו דו באלאנגסט אויך צו ביידע פון זיי. אויב דו טיילסט אבער עקסטער עירוב איז אפשר עקסטער, אבער טאמער נישט טארן זיי אויך נישט טראגן, ווייל זיי האבן דאך נרבע דלתות, ווייל די חצר באלאנגט אויך צו יענע מבוי. און יענער מבוי האט גארנישט קיין עירוב. און דא איז דא א דין אז ווען ס'איז רגילה בו, וואס הייסט רגילה בו? אז מען פירט זיך צו גיין אין די זייט. געווענליך מענטשן גייען יענע וועג, איז נאר די וועג וואס זיי פירן זיך צו גיין אסר'ט. דאס הייסט, אויב וואלט ער געוואלט מאכן אן עירוב, קען ער מאכן אפילו מיט די וואס איז אינה רגילה בו, ווייל מיט דעם וואלט ער געוויזן אז ס'איז יא. אבער ער האט נישט געמאכט, און איז אינה רגילה בו, און מיט דעם אסר'ט ער נישט. ס'איז א קולא אזא.

**קולא: ערבו בני מבוי שאינה רגילה בו**

**Speaker 2:** **ערבו בני מבוי שאינה רגילה בו**, אפילו זיי האבן געמאכט די עירוב נאר מיט די אנדערע מבוי, איז נאך אלץ **הותרה מבוי האחר לעצמו, ואינו צריך לערב עמו**. פארוואס? ווייל יעצט האט ער זיך אפגעטיילט, ער זאגט אונז, הגם מיר זענען רגיל מיט דיר, אבער מיר זענען נישט קיין עירוב. דאס הייסט, אפילו מיט די וואס ער איז רגיל, אבער אויב איז ער מגלה דעת געווען אז ער וויל זיין א חלק פון די אנדערע מבוי, אסר'ט ער אים נישט.

**הלכה ט: דוחים אותו אצל מבוי שאינה רגילה בו**

**Speaker 2:** זייער גוט. **ערבו בני המבוי שהיא רגילה בו לעצמן**, די מבוי וואו די בני החצר זענען רגיל האבן געמאכט א מבוי לעצמן אן די בני החצר, **והיא לא ערבה עמו**, און די חצר אינמיטן האט נישט מערב געווען נישט מיט די מבוי שהיא רגילה בו און נישט מיט די מבוי האחר שאינה רגילה בו, גארנישט. און אויך די בני המבוי שאינה רגילה בו האבן אויך נישט געמאכט צווישן זיך קיין מבוי אן אים. **ואם באו לערב בני מבוי שאינה רגילה בו**, איז יעצט אזוי, אויב וועט מען זאגן אז ער באלאנגט בעצם צו די מבוי וואס איז רגיל בו, גייט ער זיי אסר'ן. האט מען געמאכט נאך א קולא, **דוחים אותו אצל מבוי שאינה רגילה בו**. נעמען מיר אן אז ער באלאנגט צו די אנדערע מבוי. אפילו עכט באלאנגט ער נאך וויניגער צו די אנדערע מבוי, אבער היות אונז ווילן נישט יעצט קלקול מאכן די מבוי וואס אן אים איז אלעס בסדר, און די אנדערע איז עניוועי נישטא קיין עירוב, זאגן מיר ניין, ער באלאנגט צו די אנדערע מבוי. הגם ס'איז נישט רגיל, און ס'איז נישט קיין עירוב, ס'איז גארנישט, דאס איז די ריזען. די איינציגסטע ריזען פארוואס מיר זענען אים דוחה איז כדי די רגיל וואס האט זיך געמאכט זיין אייגענע עירוב זאל קענען טראגן אין זיין אייגענע עירוב.

**חידוש: דער סברא פון דוחים אותו**

**Speaker 1:** ס'מאכט דאך סענס, ווייל דו זעסט דאך אז ער איז אזוי ווי יענע מבוי, ער איז פון די מין מענטשן וואס איז נישט קיין פרענדלי מענטש. דא איז דא א פרענדלי מבוי, אלע מענטשן וואס באלאנגען צו די פרענדלי מבוי זענען איינס. ער איז פון די אנדערע חברה.

**Speaker 2:** אקעי. איז דאס איז די הואיל. הואיל ולערב, הואיל ולערב, הואיל ולערב. זיי זענען צוויי נישט מעורב'ס. ס'איז דא א באנטש פון די אנטי-סאושעל מענטשן וואס ווילן נישט זיין קיין פארט פון די עדה, אבער זיי זענען פארט פון זיי. ס'איז מער אזא אמור רצוננו, יא, וואטעווער, דו זאגסט אז אנטי-סאושעל איז אויך טמטום, אבער איך מיין צו זאגן, הער, ס'איז דא צוויי קיינד אוו מיל.

#### הלכה י: חצר שיש לה פתח למבוי ופתח לכרמלית או לרשות היחיד

### Speaker 1:

ס'איז דא א "פרענדלי" מבוי, אלע מענטשן וואס באלאנגען צו די "פרענדלי" מבוי זענען איינס. ער איז פון די אנדערע חברה. אקעי.

זאגט ער אזוי, הואיל ולירבו, אפילו ירבו, אפילו ערב, אה, ס'איז דא צוויי מיני מענטשן, נישט מערבים. א באנטש פון אנטי-סאושעל מענטשן וואס ווילן נישט זיין קיין פארט פון די עירוב, ס'איז א פארט פון זיי. ס'איז מער אז זיי ווילן, ס'איז מער אז נישט. וואטעווער, דו זאגסט אז אנטי-סאושעל איז אויך טעם, אבער וואס איך מיין צו זאגן, ער... ס'איז דא צוויי "קיינד אוו" מבואות אין די געגנט, איינס איז עירוב מענטשן, איינס איז נישט עירוב מענטשן, ווערן זיי צוויי גרופעס. **כדי שלא תהא אסורה**, א מבוי איז נישט עירוב לעצמו. זייער גוט. זייער גוט.

יעצט איז דא א נייע פראבלעם, וואס איז א חצר וואס האט א... ווייטער די חצר, די חצר וואס איז אפן צו די מבוי, אבער די אנדערע זייט איז נישט אפן צו די אנדערע מבוי, אבער ער איז אפן צו א כרמלית אדער צו א רשות היחיד. וואס איז נישט א הויז, א פלאץ וואס מ'טאר נישט טראגן דארט. **חצר שיש לו פתח למבוי, און די אנדערע פתח האט די חצר לביקעה, לקרפף וכו' שהוא כרמלית.** איז אזוי, **הואיל ואסור לטלטל בחצר לאותו קרפף,** ער טאר דאך נישט טראגן פון די חצר צו יענע קרפף, ווייל יענע קרפף איז א כרמלית, ער טאר נישט אהין טראגן. הייסט עס קוקן מיר עס אן ווי ער האט נאר איין טיר. **אינו סומך אלא על פתח הסמוך למבוי**, קוקן מיר עס נאר אן ווי ער באלאנגט, ווי ער איז זיך סומך נאר ארויסצוגיין דורך די טיר ווי ער מעג גיין, דורך די פתח המבוי. **לפיכך אוסר על בני המבוי עד שישתתף עמהן**, ווייל ער הייסט שוין יעצט אזוי ווי ער באלאנגט נאר צו איין מבוי, די היתר אז מ'ווארפט אים צו די אנדערע זייט איז מער נישט דא.

דאס איז נאר ווען ער טאר טאקע נישט אריינגיין דורך יענע טיר, ווייל יענע טיר איז א כרמלית. **אבל אם היה קרפף בית סאתים מוקף**, ס'האט א דין ווי א רשות היחיד, **אינו אוסר על בני המבוי, שעל הפתח של רשות היחיד הוא סומך.** פארקערט, ווערט ער נאך באקוועמער, ער האט א וועג צו זיין פריוואטע "בעק יארד", דארט מעג ער דאך טראגן גרינגער, דארט דארף ער דאך בכלל נישט קיין עירוב, סאו ער האט א וועג פון טראגן גלאטערהייט. קוקן מיר עס אן ווי ער באלאנגט בכלל נישט צו די מבוי, ווי ער באלאנגט צו די אנדערע זייט טיר, און די מבוי קען מאכן אן עירוב אן אים. זייער גוט.

ס'קען מען לערנען וועגן וואס געשעט ווען ס'קומט א גאסט, אדער וויאזוי מען קען צעטיילן איין מבוי צו די אנדערע מבוי? אדער איין מענטש?

#### אחד מבני מבוי שהלך לעיר אחרת

### Speaker 1:

ניין, אדער ווען איינער פון די בני מבוי האט אסר'ט נישט אויף די מבוי מיט נישט זיין א שותף. געווענליך, אויב איינער פון די בני מבוי זיצט דארטן און ער איז זיך נישט משתתף, איז ער אסר'ט די אנדערע. דאס הייסט, אויסער אויב מ'איז אים מזכה. אבער אויב מ'האט נישט מזכה געווען, איז אזוי: **אחד מבני מבוי שהלך לעיר אחרת** איז אוועקגעגאנגען אויף שבת, **אין אוסר עליהם**, מ'איז העפי, ער איז נישט דארט, איז דארף מען זיך נישט משתתף זיין. ס'שטייט נישט די אלע פרטים פון פריער, וואס איז איבער ס'איז א נאנטע פלאץ, וואס איז די שיעור טאטוי.

### Speaker 2:

בני מבוי מיינט יא, איין מענטש. אינטערעסאנט. אפשר איז גרינגער ביי די מבוי.

#### אחד מבני מבוי שבנה מחיצה על פתחו

### Speaker 1:

לכאורה, נאך א הלכה, וואס דאס איז שוין יא געשטאנען אויבן ביי די חצר, אויב **אחד מבני מבוי** האט געבויט א וואנט, ער בויט א מחיצה, אבער א חצר, מחיצה איז געווען לגבי די וואסער. די עליה, רייט, אבער ס'איז נישט ממש געשטאנען די, מיין, אגעין, מ'דארף וויסן, אבער דא שטייט אז ס'איז נאר לגבי די מבוי העלפט עס. ער זאגט נישט, **שבנה מחיצה**, יא? **רחבה ארבעה טפחים על פתחו**, ער האט געלייגט דארט א מחיצה, ווער איז א טויטער? דער ווערט קאלאגיש די מבוי. יא, ער איז זייער אוסר קיין, ער איז נישט קיין. יא, למעשה, ער לייגט א, קיצור שטותים. מחיצה מיינט, ער האט געמאכט דארט, למשל, א זאך וואס טיילט אים אפ פון די מבוי. איז **אין אוסר עליהם, שהרי הפריש עצמו מהם, וחלק רשותו**, ער האט זיך אפגעטיילט פון זיי, איז זיין רשות איז אן עקסטערע רשות לעצמו, און ער אסר'ט נישט. די מבוי איז, מ'רעכנט ווי ער עקזיסט נישט.

זייער גוט. פיין.

#### ביטול רשות במבוי

### Speaker 1:

שוין, ער זאגט אזא הלכה. וואס טוט זיך? **אנשי מבוי שנשתתפו מקצתן...** יעצט קומט די הלכות ביטול. פריער האט מען געלערנט, אזוי ווי מ'האט פארגעסן צו מאכן עירוב תבשילין קען מען מאכן ביטול, לערנט מען אז מ'קען אזעלכע זאכן מאכן לגבי מבוי. זאגט ער, **אנשי מבוי שנשתתפו מקצתן**, א חלק עולם האט זיך משתתף געווען און געגעבן פת אדער אוכלין, **וחלק עולם ושכחו מקצתן ולא נשתתפו**, איז אזוי: **מבטלין רשותן**, קענען די מענטשן וואס האבן פארגעסן מבטל זיין זייער רשות **לאלו שנשתתפו.**

און וואס ווערט די הלכה? ווערט די הלכה אזוווי מ'האט פריער געלערנט לגבי ביטול רשות, **דינא דביטול רשות כדין אנשי חצר**, אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט, אז די אנשי חצר שכחו ולא עירבו, אז זייער רשות ווערט בטל, און די אנדערע מענטשן מעגן טראגן פון זייערע הייזער צו די מבוי. און ווי ס'איז דארט געשטאנען, עירבו, וועגדט זיך אויף אלע מיני זאכן וואס מיר האבן געלערנט דארט. יא, וואטעווער די דין איז, דאס הייסט, זיי דארפן מבטל זיין, די דינים אזוי ווי, דאס הייסט, אויב ס'איז נאר איין מענטש, איז ער מער גרינג, ווייל ער איז דאך א גאסט, מער ווי איין מענטש ווערט קאמפליצירט, וכו'. אלע הלכות וואס שטייען דארט, די זעלבע דין.

**וכבר אמרו**, נאך א זאך, **וכבר אמרו שכל אדם עם אנשי ביתו הסמוכים על שולחנו כאיש אחד חשיבי**, אז מען קוקט אן יעדע הויזהאלט ווי איין זאך, נישט יעדער נפש דארף זיין א חלק פון די עירוב אדער מבוי. דאס איז אויך א הלכה לענין עירובי חצרות, און ס'איז אויך דא לענין שיתופי מבואות. אז אפילו ס'איז דא אין איין הויז מער ווי איין משפחה, אבער זיי זענען סמוכים על שולחן אחד, אלע הלכות וואס ס'ווערט געמאכט פאר איין מענטש'ס משפחה, ארבעט פונקט אזוי גוט אויף שיתופי מבואות ווי אויף עירובי חצרות.

#### שכח אחד מן החצרות ולא עירב — אבער נשתתפו במבוי

### Speaker 1:

יעצט איז אזוי, וואס איז געשען אויב מ'האט געמאכט א שיתופי מבואות אבער נישט עירובי חצרות? מ'האט פארגעסן צו מאכן עירובי חצרות. אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט, אז אפילו ווען מ'מאכט שיתופי מבואות, און דעמאלטס קוקט מען דאך אן ווי די גאנצע מבוי ווערט א רשות היחיד, פעלט אבער נאך עקסטער אויס א דין דרבנן, אלעס איז א דין דרבנן, אבער ס'איז דא אן עקסטערע גזירת חכמים אז מ'זאל דאך אויך מאכן עירובי חצרות.

וואס טוט זיך אויב מ'האט נישט געטון אזוי? **מבוי שערבו כל חצרות שבו כל חצר וחצר בפני עצמו, ואחר כך נשתתפו כולם במבוי**, אבער למעשה

שטעלט זיך ארויס, **שכח אחד מן החצרות ולא עירב עם בני חצירו.** זאגט די הלכה, **לא הפסיד כלום**, ס'האט אים גארנישט געשאדט. פארוואס? **שהרי כולם נשתתפו**, אלע האבן זיך משתתף געווען, אלע חצרות האבן זיך משתתף געווען צו די גרויסע מבוי. **ועל השיתוף סומכים**, די סיבה פארוואס זיי גייען אלע מעגן טראגן איז בעיקר ווייל אלע זענען געווארן איין גרויסע רשות היחיד, אז די מבוי איז די גרויסע רשות היחיד.

איי, מ'מאכט דאך אויך עירובי חצרות, סאו קען דאך א מענטש טראכטן, ניין, איך בין דאך נאר א חלק פון די עירובי חצרות. זאגט ער ניין, **דלא צריכי לעירובי חצרות עם השיתוף**, דאס וואס אפילו ווען מ'מאכט שיתופי מבואות מאכט מען אויך עירובי חצרות, איז נישט ווייל מ'דארף טאקע אז אלע מענטשן זאלן באלאנגען צו די חצר, **אלא** די סיבה איז **שלא לשכח את התינוקות.** די קינדער זענען נישט געוועהנליך וואס גייט פאר אינעם מבוי, און די גאנצע ענין פון עירובי חצרות איז דאך כדי די קינדער זאלן זיך נישט טועה זיין. ס'איז די גאנצע זאך נישט קיין ענין פון א היכר.

און האט מען געמאכט אן עקסטערע חומרא אז אפילו ווען מען מאכט א שיתוף מבואות דארף מען אויך אן עירובי חצרות. אבער ווען ער עירב בחצרות, האט ער דאך יא געטון די ענין אויך, ווייל די קינדער האבן געזען אן עירוב. און בעצם, ער האט פארגעסן צו מאכן שיתוף מבואות, נישט די גאנצע חצר האט פארגעסן, ווייל באלד וועט מען זען וואס איז אז די גאנצע חצר האט פארגעסן. איז אזוי רעדט מען אז איין מענטש האט פארגעסן, האט מען גארנישט פארלוירן, ווייל מ'האט טאקע געמאכט, אלע קינדער זענען אז מ'האט געמאכט פת, די קינדער זענען נישט מילא ווער געבט די פת, דאס איז דאך די חכמים נישט חושש, ווייסן זיי דאס. און למעשה אן עירוב איז דא, ער איז דאך א פארט פון די גרעסערע מבוי, איז נישט קיין שום פראבלעם.

#### שכח אחד מבני מבוי ולא נשתתף

## Speaker 1:

אבער אויב ער האט פארגעסן די שיתוף מבואות **ולא נשתתף**, ער האט נישט געמאכט קיין שיתוף, איינער פון די וואס איז נישט אין די חצר נאר אין די מבוי אליין, איז **אסור במבוי.** ער האט נישט געמאכט קיין שיתוף חצרות, ער האט געמאכט שיתוף מבואות. פארגעסן עירובי חצרות שטערט נישט, אבער פארגעסן שיתוף מבואות מאכט אסור.

**ומותרים בני כל חצר לטלטל בחצרה**, אין די חצר מעגן זיי יא מעגן, אויב מ'האט געמאכט עירובי חצרות אדער איינער וואוינט אליין אין די חצר. **שאין מבוי לחצרות אלא כחצר לבתים.** און פונקט ווי מ'פארשטייט אז ביי די חצר, אויב איינער האט נישט געמאכט טויג נישט, אזוי אויך אין די מבוי, אויב איינער האט נישט געמאכט העלפט נישט. אבער אין זייערע הייזער מעגן זיי ווייטער. די זעלבע וועג, אויב מ'האט פארגעסן איינער פון די בני מבוי, מעגן זיי אין די חצר אבער זיי מעגן נישט אין די מבוי.

#### שיתפו במבוי ושכחו כולם לערב בחצרות

## Speaker 1:

וואס איז טאמער אלע האבן פארגעסן צו מאכן עירובי חצרות? **שיתפו במבוי ושכחו כולם לערב בחצרות.** איז אזוי, אויב איינער מאכט פת מרובה, אויב זיי זענען נישט מקפיד אויף זייער ברויט, זיי לאזן זיך פארגינען טאקע אנדערע מענטשן זאלן עסן דערפון, און ממילא וואס? דאס הייסט מ'קען זאגן אז אין א געוויסע זין, מ'קען זאגן אז זיי האבן יא אויך א געוויסע פת, ווייל מ'דארף דאך האבן פת פאר די עירובי חצרות, זיי האבן פארגעסן צו מאכן אן אפיציעלע עירובי חצרות, אבער למעשה, אויב ס'קומט אריין איינער און ער נעמט א שטיקל ברויט פון זיי, שטערט זיי נישט. איז דא כאילו אויך אן עירובי חצרות ווי פת.

אזוי זעט אויס. די איין מקפיד אין פרוסות איז א נייע. ס'ווערט אזוי ווי די מין שותפים וואס האבן אן אוצר. דארט איז אויך געווען א זאך פון איין מקפיד, ווייל דא רעדן מיר דאך פון דירות. דארט איז פארקערט, אז מ'האט פארגעסן, זאגט מען אז א יו"ד ערלויבט מענטשן עסן מיט זיין ברויט, זענען זיי דאך כאילו שותפים בפת אויך. איז דאס איז **סומך על השותף בשבת הראשונה**, ווייל די ערשטע שבת ווען ער האט פארגעסן, האט מען זיך פארלאזט אויף די מין שותפים, אויף די שותפים אז ער לאזט. און אויך האט מען נישט געמאכט עירוב שבת.

סא פשט איז, סיי האסטו א שותף מבוי, און סיי האסטו דא פת וואס כאילו זענען שותפים, קען זיך סומך זיין, אבער נאר די ערשטע שבת. און ער זאגט שפעטער, **"ואימתי אמרו דבר זה? אלא בדוחק"**, ס'איז נישט קיין לכתחילה. ממילא, ס'איז צוויי זאכן: איינס האט מען נאר מתיר געווען יענע ערשטע שבת, און איינס האט מען נאר מתיר געווען ווען טלטול וואס איז וויכטיג.

#### דיסקוסיע: פארוואס נאר שבת ראשונה?

## Speaker 2:

אה, דאס איז די טייטש. איך האב געוואלט פרעגן אז ס'איז די זעלבע זאך. סא שבת ראשונה מיינט אז דו האסט פארגעסן צוויי מאל אין א רודערן, העלאו, עפעס איז ראנג מיט דיר, דו הייבסט שוין אן צו פארגעסן, דו הייבסט שוין אן צו געדענקען. אבער וואס האט זיך גאר געמאכט אז דו האסט פארגעסן צוויי מאל אין א רודערן? וואס איז דעמאלטס, ארבעט עס נישט? דאס הייסט שוין נישט בדוחק, דאס איז סתם?

## Speaker 1:

אה, איך זע אז די ענין דא איז אז אין די עירוב מאכט מען אנדערע מאכלים, און אויף די מבוי מאכט מען מיט פת דוקא, יא? יא, יא. סא, פארקערט, א עירוב איז מיט פת דוקא, אבער איך פארשטיי, פון דעם דארף מען פת. אבער מ'דארף דאך זיך נישט קיין עירוב חצרות בכלל, די גאנצע זאך איז דאך נאר מדרבנן. אבער אזוי ווי די רבנן האבן גוזר געווען א גזירה ערנסט, אז אויב מ'האט יעדער פארגעסן, דעמאלטס לאזן זיי נאר איינמאל מאכן די בדיעבד מיט די פת וואס מ'איז נישט מקפיד אויף פרוסות. אזוי זעט אויס די...

נו, גוט. שוין.

#### גוי במבוי

## Speaker 1:

און יעצט קען מען עס לערנען וועגן א גוי אין די מבוי. פונקט האבן מיר געלערנט הלכות גוי אין די חצר.

#### מבוי שלא נשתתפו בו

## Speaker 1:

אה, ס'איז א **מבוי שלא נשתתפו בו.** אה, וואס איז די דוחק וואס מ'האט נישט מבוי וואס מ'האט פארגעסן צו מאכן א... מ'האט נישט געמאכט בכלל קיין שיתוף מבואות, איז אום עירובי חצרות ומבואות, אויב די אלע חצרות האבן יא געמאכט עירובין, **אין מטלטלין בו אלא בארבע אמות ככרמלית.** פארוואס? פארוואס מ'האט נישט עירובי חצרות ומבואות? אה, אין מטלטלין בו, אין די מבוי, אין די מבוי האט מען נישט געמאכט א...

#### מבוי שלא נשתתפו בו — חילוק צווישן בתים וחצרות

## Speaker 1:

אה, ס'איז איין. מ'האט געלערנט. אה, **א מבוי שלא נשתתפו בו.** אה, וואס איז די דוחק וואס מ'האט נישט געמאכט א שיתוף מבואות? ניין, מ'האט נישט געמאכט בכלל קיין שיתוף מבואות. איז עירובי חצרות ומבואות. אויב די אלע חצרות האבן יא געמאכט, יעדע חצר צווישן זיך האט יא געמאכט א עירוב, איז וואס איז אפן יעצט צום מבוי? איז אפן בתים, ווייל אלע חצרות ווערן יעצט אזוי ווי א בית. **נעשה המבוי כאילו אין פתוח לו אלא בתים בלבד בלא חצרות, לפיכך אין מטלטלין בו כלל.** יא, **ואם**... פיר אויס. **ואם לא עירבו אנשי החצרות**, אויב די אנשי החצרות האבן נישט געמאכט קיין עירוב, איז פשט אז צו די מבוי זענען אפן פארשידענע חצרות, נישט בתים זענען אפן נאר חצרות. איז דעמאלטס **מטלטלין בו כלים ששבתו בתוכו, כחצר שלא עירבו בו.** א חצר וואס מ'האט נישט מעריב געווען, מעג מען דאך יא טראגן כלים וואס זענען געלעגן אין די חצר. די חצר ווערט נישט אזוי ווי א כרמלית.

וועין אלע חצרות זענען אזוי ווי בתים, איז די מבוי א מבוי וואס באקומט אזוי ווי א כרמלית. פארוואס? ווייל צו די מבוי זענען אפן אסאך בתים. אקעי, ענד, וואס איז ערגער ווען ס'איז אפן חצרות? קיצור, אויב ס'איז אפן צו אים חצרות, דעמאלטס האט עס אליין א דין ווי א חצר. ס'איז אזוי ווי איין חצר וואס איז נאר נעבן אסאך חצרות. און אין א חצר מעג מען טראגן כלים ששבתו בו. יא, און אויב ס'איז אפן צו אים בתים, דעמאלטס איז עס... ווייס איך נישט פארוואס זאל מען נישט זאגן אז א מבוי וואס איז אפן צו בתים איז אזוי ווי א חצר וואס איז אפן צו בתים. ס'ווערט עפעס ערגער, ס'ווערט עפעס א נייע זאך. ס'ווערט אזוי ווי א רשות הרבים אדער אזוי ווי א כרמלית וואס איז אפן צו די בתים?

יא, דער הייליגער רב האט דאך אויך פארשטאנען די הלכה, "מכא רושי מחיסרון דעת כתב כל זה". יא, ס'האט צו טון מיט אזא זאך, יא. בקיצור המעשה, ס'האט צו טון מיט די גזירה, דאס האבן מיר געלערנט אז די חכמים האבן נישט גוזר געווען אויף כלים ששבתו בחצר. אבער דו זעסט אז במבוי אפשר יא, כלים ששבתו במבוי האבן זיי יא גוזר געווען, נאר אויב די חצרות האבן אן עירוב. אזוי זאגט דער רמב"ם. דער רב זאגט נישט אזוי.

אקעי, נישט קלאר פארוואס דער רמב"ם האט אזוי געטראכט. אה, ער זאגט אז דאס איז די רמב"ם, ער זאגט דאס איז די כלל פשוט. דאס איז די רמב"ם מאכט א חילוק אויב ס'האט נאר בתים. דאס האבן מיר געלערנט פריער, און פריער נאך די שבת בעירובין, אז כדי א מבוי זאל קענען מעגן טראגן בלחי וקורה מוז עס זיין **בתים וחצרות פתוחין לתוכו**. א מבוי וואס נאר בתים פתוחין לתוכו האט נישט קיין היתר מבוי. ממילא, אויב ס'איז דא אן עירוב, האט עס א דין אזוי ווי אזא סארט מבוי וואס איינו ניתר בלחי וקורה, וואס דעמאלטס בלייבט עס אסור מדרבנן צו טראגן דארט.

אה, ס'איז דא צוויי מיני דרבנן, אז כרמלית איז א הארבערע דרבנן, און מבוי איז אן עקסטערע דין אז מ'דארף מאכן אן עירוב. דו זעסט אז ס'איז נישט אזוי הארב. ממילא, טאקע ווען ס'פעלט נאר עירוב, מעג מען נוצן כלים ששבתו בו. נאכאמאל, עקזעקטלי. אבער ווען ס'איז א גרעסערע פראבלעם, ווען מ'קוקט עס אן ווי א כרמלית, העלפט נישט די כלים ששבתו בו, מעג מען נאר טראגן דרך מלבוש. דער רמב"ם איז אן אופן אין דעם.

אזוי ווי ער זאגט עס זייער קלאר, ער זאגט, **"נעשה המבוי כאילו אין פתוח לו אלא בתים בלבד"**. און דאס מיינט די הלכה אז א מבוי שאין פתוח לו בתים וחצרות האט נישט קיין היתר די קולא. ס'איז נישט קיין מבוי, ס'הייסט אזוי ווי אן אנדערע שטח. וואס איז אן אנדערע שטח? אן אסור מדרבנן שטח, א מקום פטור אבל אסור, א כרמלית. דאס איז וואס ס'הייסט. יא, גיי יעצט שוין.

#### גוי אדער צדוקי במבוי

### Speaker 1:

אקעי, יעצט גייען מיר לערנען וועגן א גוי אדער א צדוקי וואס זיין שטח אסר'ט פאר די מבוי. אז מ'האט געלערנט ביי א מבוי. זאגט ער אזוי, **גוי או צדוקי אסורי בחצר שאין בו מבוי**. איז אזוי, **דינו אין בני המבוי כדינו אין בני החצר**, אזוויי אונז האבן פריער געלערנט, אז וואס? אז מ'דארף דינגען פון אים, מ'קען אים נישט מזכה זיין פון א גוי, דינגט מען פון אים. **ששוכרין מן הגוי**, אויב מ'איז אין בעל הבית'ס, מ'קען דינגען פון די גוי, אדער אזוויי מ'האט געלערנט אפילו פון זיין ווייב דינגט מען **רשותו שבמבוי**. אוי, מ'וועט לערנען ביי א צדוקי, אדער די צדוקי דארף זיין, ער דארף מאכן ביטול. ניין, זיי האבן געלערנט בפירוש, צדוקי קען מען נישט דינגען, נישט קיין גוי, ער קען נישט מאכן קיין עירוב, ער גלייבט נישט אין עירוב, ווייל ביטול ארבעט.

און די זעלבע הלכה, אזוויי אונז האבן געלערנט דארט אז איין איד מיט איין גוי שטערט נישט, פארוואס? ווייל ער גייט עניוועי נישט וואוינען דארט. **מבוי גוי וישראל אחד אין צריך לשתף**. און די זעלבע זאך, **דין ישראל אחד**, וועין די רבנן זענען מסב על שולחן אחד, דין אחד, דאס הייסט דאס וואס מ'האט געלערנט אז איין איד מיט איין גוי איז ניתר, איז דארף נישט זיין דווקא איין איד ליטעראלי, נאר ס'הייסט איין הויז, אזוויי מ'האט געלערנט. וואטעווער, די עירוב העלפט נישט, ווייל מ'זאגט אז איין נתינת עירוב אוסר על רבים אצל הגוי, האבן מיר געלערנט. אבער איין משפחה וואס דארף נישט קיין עירוב, דעמאלטס יא, ווערט עס דין אחד, און ממילא דארף עס נישט זיין דווקא איין איד, איין אידישע משפחה מיט איין גוי, זאגן די רבנן אז א גוי דארף מען שוכר זיין, און ממילא די גוי הייסט, אז איין דירה, א יחיד'ס דירה איז כבהמה און מ'דארף נישט קיין עירוב.

#### גוי וואס האט א פתח לבקעה — חילוק צווישן בקעה און כרמלית

### Speaker 1:

יעצט נאך א הלכה, **שדר במבוי**, איז אזוי, א גוי וואס וואוינט אין מבוי וואס מ'האט געשמועסט אז מ'דארף דינגען פון אים די רשות. אבער וואס טוט זיך אזוי, **אם יש לו בחצירו פתח אחד לבקעה**. אונז האבן פריער געלערנט אז א איד וואס האט א פתח לבקעה, ווענדט זיך צו די בקעה איז מותר בטלטול אדער נישט. אבער ביי די גוי איז דאך אנדערש, ווייל ער איז אפן צו די בקעה, אפילו אויב ס'איז א בקעה וואס מ'טאר נישט טראגן, זאגט מען אז ער באלאנגט צו יענע בקעה, **אינו אוסר על בני המבוי**. זאגט ער, וואס טוט זיך אויב יענעם פתח איז נישט קיין געהעריגע פתח, ס'איז אפילו א קליינטשיגע טירל, **אפילו הוא פתח קטן ארבעה על ארבעה**, און אונז ווייסן אז למעשה ווען ער דארף ארויסטראגן גרעסערע זאכן נוצט ער די גרויסע טיר דרך מבוי, **אפילו שמוציא גמלים וקרונות דרך פתח של מבוי, אין אוסר עליהם**, ווייל אונז זאגן **שאין דעתו אלא על פתחו המיוחד לו שיוצא לבקעה**. דער פתח וואס ער האט נאר פאר אים, ער דאכט זיך מער. ער זאגט אן אינטערעסאנטע זאך, אז ס'איז ספעציעל. ביי א איד זאגט מען, אז מ'קוקט אויף דעם פתח ווי ער מעג טראגן שבת, אבער ביי א גוי איז נישט דא קיין הגבלות. זאגט מען, אז אפילו דער פתח המבוי איז אסאך באקוועמער און מ'וואלט געמיינט אז דער גוי וועט נוצן יענע, און די אנדערע איז עפעס א קליינטשיגע טיר, אבער למעשה יענע איז זיין אייגענע, וואס נאר ער נוצט. פאר אים איז נאר אפן פון זיין חצר צו דער בקעה. זאגט מען, יענץ הייסט זיין עיקר טיר, ווייל דארט האט ער ליבער צו גיין, ווייל דאס איז זיין אייגענע זאך. און דאס אז ער נוצט די גרעסערע איז ווייל ס'איז גרויס, ווייל ער דארף פארן דארט ארויס, אבער ער פילט נישט אז דארט איז זיינס.

בכלל, **אם היה פתח לכרמלית, אפשר יאסור על בני הסימטא, והיינו פתח לבקעה אין אוסר עליהם**. אבער אויב איז דא א סימטא פתוחה, איז פונקט פארקערט ווי ביי א איד. **אין סומך עליו**, ווייל וואס דאס פירט נישט ארויס צו א נארמאלע פלאץ, ס'פירט ארויס צו אן ארגיריגע פלאץ, ער פירט זיך נישט צו לייגן זיינע זאכן דארט, ער ציט אליין. **אין סומך עליו**, איז דער גוי נישט סומך אויף יענע טיר, נאר ס'הייסט ווי ער נוצט די טיר פון די מבוי, **ואוסר עליהם עד שישכרו ממנו**.

#### מבוי שצדו אחד גוים וצדו אחד ישראלים — עירוב דרך חלונות

### Speaker 1:

אקעי, גוט. וואס איז מיט א... אז ס'איז דא א מבוי און ס'איז דא פענסטערס? **מבוי שצדו אחד גוים וצדו אחד ישראלים**, איין זייט פון די מבוי וואוינען גוים און איין זייט וואוינען אידן, **והיו חלונות פתוחות מחצר לחצר של ישראל, וערבו כולם דרך חלונות**. איז דאך די חצרות זענען געווארן אזוויי מיר האבן פריער געלערנט אז מ'קען אסאך מאל מאכן אפאר חצרות זאלן ווערן אזוויי איין חצר, אויב נוצט מען... אויב ס'איז דא א טיר אינדערמיט צווישן זיי. **וערבו כולם דרך חלונות, אפילו שנעשו כאנשי בית אחד ומותרים להוציא זה לזה דרך חלונות**, מ'האט געשמועסט אז דורך די עפענונג צווישן די חצרות מעגן זיי טראגן, וואלט איינער געטראכט אז אויטאמאטיש זענען זיי שוין געווארן שותפים און מעגן שוין אויך טראגן אין די מבוי. אבער ניין, **הרי הן אסורים להשתמש במבוי דרך פתחיהם עד שישכרו מן הגוים, שאין רבים נאסרים כיחיד במקום גוי**. אויב ס'איז דא דארט א גוי, ווי לאנג מ'דינגט נישט פון אים, זאגט מען נישט אז זיי זענען אלע געווארן אזוויי איין רשות. ווייל אפילו זיי האבן איין עירוב, ווערן זיי נישט אזוויי איינס. ווען ס'איז איין משפחה ממש, ווי מיר האבן געלערנט

אויף דאס, יא, אבער אן עירוב העלפט נישט פאר א גוי, ווייל דער גוי וויל דאך נישט אז דו זאלסט ווערן מיט אים איין רשות.

**דיסקוסיע: פארוואס העלפט נישט דער עירוב?**

## Speaker 2:

אבער וואס איז די שאלה? אויב מ'דינגט פון דעם גוי, איז דאך יא בסדר. מ'דארף דאך אבער סתם אזוי אן עירוב.

## Speaker 1:

מ'דארף א שיתוף מבוי. א גוי איז א שכירות, ס'מאכט נישט קיין שיתוף מבוי.

## Speaker 2:

גייט קומען. גייט, אבער ס'איז דא איין חברה, די אלע חברה האבן אן עירוב. פארוואס האבן זיי געמאכט אן עירוב?

## Speaker 1:

זיי האבן געלערנט די געזאגטע הלכה בחצר, ס'איז נישט קיין חידוש. דין חצר ודין מבוי יחדו ודין זה.

**שיתוף מדינה — כיצד משתתפין במדינה**

## Speaker 1:

אקעי, מיט דעם האבן מיר געענדיגט שיתופי מבואות. מיר האבן געלערנט אז די דריטע מין עירוב איז, אויב ס'איז דא א גאנצע שטאט וואס איז אבער ארומגענומען מיט טירן, אדער טירן וואס מ'קען צומאכן, הייסט עס ווי א רשות היחיד מדאורייתא, און מ'דארף נאכדעם אויך א שיתוף, אזוויי עירוב חצרות איז געווען א שיתוף, דארף מען א שיתוף אין די מדינה, אויב מ'וויל גיין אין די מדינה.

**כיצד משתתפין במדינה?** זאגט דער רמב"ם, **כל חצר וחצר מערבין לעצמן.** קודם כל, דערמאנט ער נאכאמאל די הלכה, אז אפילו אויב די גאנצע מדינה גייט ווערן איין גרויסע רשות היחיד, מיינט נישט אז מ'דארף נישט מאכן אן עירוב אין יעדע קליינע חצר. יעדע קליינע חצר דארף ווייטער מאכן אן עירוב, פאר די סיבה **שלא תשכח תורת עירוב חצרות.** אבער אויסערדעם, **משתתפין כל אנשי המדינה כדין שמשתתפין במבוי.** זאגט דער רמב"ם, לויט די הלכות פון שיתוף מבוי, וואטעווער ער ארבעט פאר דעם.

**תנאי לשיתוף מדינה — מדינה של יחיד**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, די דין אז מ'דארף מאכן א שיתוף איז נאר ווען די מדינה... ער זאגט נישט מ'דארף, מ'דארף אלעמאל. וואס ער זאגט איז, אז ס'איז דא אופן וואס מ'טאר נישט מאכן איין שיתוף פאר די גאנצע מדינה. סאו יעצט קען עס זיין, ווען מעג מען יא מאכן איין שיתוף פאר די גאנצע מדינה, און ווען טאר מען נישט?

אונז פירן זיך נישט די הגבלה, אונז מאכן יא עירובין אויף גאנצע שטעט, אבער לויט וואס ס'שטייט אין די הלכה טאר מען נישט אין א שטאט אלעמאל, נאר אויף געוויסע אופנים.

**אם היתה המדינה קנין ליחיד,** ס'באלאנגט פאר איין טענענט, ער באלאנגט אן די גאנצע מדינה, **אפילו נעשית של רבים,** אפילו אנדערע מענטשן האבן געדינגען, און ס'איז געווארן א מקום שרבים...

## Speaker 2:

איך מיין אז ס'מיינט אז ס'איז געווארן שפעטער? קודם איז עס געווען איינס, ווי יוכבד האט געבויט, נאכדעם האט מען עס פארקויפט, קומען נאך מענטשן.

**הלכה כ' (המשך) – מדינה של רבים עם שני פתחים: דין שיור**

**Speaker 1:** אם היתה מדינה קנויה ליחיד, ס'באלאנגט פאר איין טענענט, ער באלאנגט אן די גאנצע מדינה, אפילו נעשית של רבים, אפילו אנדערע מענטשן האבן געדינגען און ס'איז געווארן א מקום של רבים – איך מיין אז דאס מיינט אז ס'איז געווארן שפעטער? קודם איז עס געווען איינס, ווי אין הלכה י"ט, ס'איז געווען איין יחיד וואס האט דאס געבויעט, נאכדעם איז דאס פארקויפט געווארן, ס'זענען געקומען נאך מענטשן וואוינען, ס'איז געווארן... יא?

**Speaker 2:** אקעי.

**Speaker 1:** איז דעמאלטס וואס?

**Speaker 2:** דעמאלטס מעג מען. דעמאלטס **משתתפין כולן בשיתוף אחד,** מאכט מען איין שיתוף מדינה, אדער שיתוף מבוי פון די גאנצע מדינה, און מען מעג מטלטל זיין. **וכן אם היתה של רבים,** די מדינה באלאנגט פאר רבים, **אבל יש לה פתח אחד,** ס'איז דא איין טיר אריינצוגיין, **משתתפין כולן בשיתוף אחד.** דאס איז ווען ס'איז גענוג איין שיתוף פאר די מדינה. ווען מעג מען יא מאכן? ווען קען מען נישט מאכן א שיתוף מדינה?

**אבל אם היתה של רבים ויש לה שני פתחים שהן נכנסים בזה ויוצאים בזה,** ס'איז דא צוויי טירן, מען קען אריינגיין פון איין וועג און ארויסגיין פון די אנדערע וועג, **אפילו נעשית של יחיד,** אפילו אויב נאכדעם האט די יחיד אפגעקויפט די גאנצע שטעטל, **אין מערבין את כולה,** מאכט מען נישט קיין איין עירוב פאר די גאנצע שטאט, **אלא מניחין ממנה מקום אחד,** מען לאזט איין פלאץ וואס יענץ איז נישט א חלק פון די עירוב, **אפילו בית אחד וחצר אחד,** מען לאזט איבער איין שטיב וואס מען זאגט יענץ איז נישט גע'מעשר'ט, איך מיין נישט גע'עירוב'ט. **ומשתתפין השאר, והרי אלו המשתתפין כולן מותרין בכל המדינה,** אלע וועלן מעגן טראגן אין די גאנצע שטאט וואו מען האט זיך משתתף געווען, **חוץ מאותו מקום ששיירו,** עס דארף בלייבן א פלאץ וואס דארט מאכט מען נישט א עירוב.

**והרי אותן שנשארו מותרין במקומן בשיתוף שעושין לעצמן.** טאטש וואס טוט זיך מיט די איין חצר? די איין חצר, זיי אליין קענען מאכן א עירוב צווישן זיך און קענען טראגן אין די איין חצר. **והרי אותן שנשארו מותרין במקומן בשיתוף שעושין לעצמן, אם היו הנשארים רבים.** טאטש אויב ס'בלייבט נאר איבער איין רשות היחיד פון איין מענטש, מעג ער דאך טראגן אין זיין רשות היחיד. און אויב איז עס א חצר מבוי און אפאר מענטשן קענען זיי מאכן א עירוב חצרות, אבער זיי קענען נישט ווערן שותפים מיט די גרויסע שטאט. שיין.

**דיסקוסיע: דער טעם פון שיור — משום היכרא**

**Speaker 1:** כאילו מדינה. און פארוואס איז דא דעות? און פארוואס טוט מען אזא זאך אז מען לאזט איבער איין דעות? וואס דבר זעהן משום היקרי. דאס איז א וויכטיגע זאך, משום היקרי. כדי שויע, א עירוב הערט אינלעמען מיט זון עס זייער שרייבן, בוי קין בוי. שער אי. יא. די ווארט איז אזוי, אז היות נישט יעדער איינער זעהט דער עירוב אין דער מדינה. ווילן אונז, אז מען זאל וויסן אז ס'איז דא א עירוב. מען זאל וויסן אז דער עירוב איז וואס איז זייער מתרא מיטהאלטן זיין אין דער מדינה. ווייל ס'איז דער חלפלאץ של רבי'ן בוי קין בוי. מען זעט נישט אויס ווי א רשות היחודות, א פלאץ ווי רבי מעגן זיך דרייען. רייט. איז מיט דעם וואס מען לאזט איבער איין הויז וואס דארט איז נישט קיין חלק פון די שותף מדינה, ווייסט יעדער אז דאס מאכט איין חרזה! דאס מאכט איין חרזה! שריי המקום שענשרו ולא עס נישט צו מלמים איין מיטהאלטן, אוי אלא לייצימעל ולא לייצימעל! דאס ווייסט אז די גאנצע שטאט אז עס איז דא אן עייערב! אז מען דארף א עירוב קען זיין, אז דאס ווען אז עס האט אפשר געמאכט אן עירוב חצירות אפילו, אבער דער פוינט איז אפשר... פאר די גאנצע מדינה, מען זעט נישט די שותף ופעס, דער שותף מבה. אבער מ'דעם ווייסט מען, און יעדעי ווייסט אז מען קען נישט סאמען צו טראגן, נאר מיט א עירוף קען מען טראגן.

אפילו ביי אופן האט מען געמאכט א עירוף חצירות, אזוי ווי מען האט געזאגט וועגן שלולה שקרית פלוגת, אבער למעשה דער עולם זעהט נישט די עירוף פון די מבינה, און מען דארף עס זען, מיט דעם וואס עס איז איבערגעבליבן אין איין הויז וואס מען טאר נישט. און אין דזשאך נאך זייט

אז מען פירט זיך נישט, און ער זאגט – ער ברענגט פון דיך נאך, רב, אז וויבאלד מען פירט זיך אז היינט ער נישט זאגט א רשות הרב'ן דער רייסע, אז ער זאגט רשע, אז ומילא וואס איך האב נישט קיין ענונג וואס האט ער צו טון מיט ענינפינג, איינפינג. מילא די גזירה נישט אזא גרויסע גזירה, די גזירה איז, אז דער מענטש גייט זען און מ'טראגן די מדינה, טערמיינען מ'מעג אויך טראגן א רשות הראבן. אבער עס איז דאך נישט! די מדינה איז דאך א חוואלי רשות היחוד.

**Speaker 2:** איך פארשטיי נישט. איך האב פארמאכט די מדינה.

**Speaker 1:** אבער איך האב יא געזאגט, ס'איז רבים בוקעים בו. יא, ס'זעט דאך אויס, די רמב"ם זאגט דאך רבים בוקעים בו.

**Speaker 2:** ניין, אבער ס'זעט דאך אויס רבים בוקעים בו. ס'דרייט זיך דאך אן עולם דארטן. סאו ס'זעט אויס ווי רשות הרבים. און ער ווייסט נישט פונקטליך די הלכה פון רשות הרבים.

**Speaker 1:** איך מיין אז מ'פירט זיך נישט, און מ'פירט זיך נישט. אין די זאך פירט מען זיך. און ווער האט דען מורא? איך געדענק אז שפעטערדיגע אחרונים זאגן אז למעשה איז נישט דא קיין איין שטאט וואס מ'קען מאכן אן עירוב אין א שטאט, און ער זאגט אז ער לאזט איבער א ציבור. איך האב נישט געהערט. ס'זעט אויס אז ס'איז נאר א גזירת חכמים, און חוץ פון דעם זאגט ער, היינטיגע צייטן, איך ווייס נישט צו איינער ווייסט בכלל פון די גאנצע עירוב וחצרות.

**Speaker 2:** עניוועיס, איך פארשטיי נישט וואס דו זאגסט. מ'ווייסט פון די עירוב. זאג פאר יענעם אז ער מאכט כשר די עירוב, ער וועט אויפהערן צו שרייען.

**Speaker 1:** אקעי, שוין.

### דיגרעסיע: דער חילוק צווישן איין פתח און צוויי פתחים

**Speaker 1:** יעצט גייען מיר לערנען וועגן די שכירות. האבן מיר געלערנט אז ביי עירוב חצרות איז געווענליך שכירות. א ביסל פארדעם, די דין פון רשות הרבים שיש לה פתח אחד, און זיי האבן געשמועסט אז ווען ס'איז דא א פתח אחד מעגן מיר יא. אה, דאס איז טאקע די ווארט. אנטשולדיג, איך גיי צוריק. ווען ס'איז דא צוויי פתחים, מ'זעט קלאר אז ס'האט צוטון מיט ווייל ס'זעט אויס ווי רשות הרבים, ווייל ער זאגט אז ס'האט צוויי פתחים, און ס'איז רבים בוקעים בו, סאו ס'זעט נישט אויס פאר א מענטש ווי ס'איז איין רשות.

### הלכה כ"ב – דין סולם שבחומה

**Speaker 1:** **א מדינה של רבים שיש לה פתח אחד**, זי האט נאר איין טיר. **וסולם במקום אחד**, און ס'איז דא נאך א וועג ארויס דורך א סולם, מ'קען אריבערקריכן די חומה דורך די סולם. זאגט מען נישט אז דאס הייסט אויך אזויווי א מדינה וואס האט צוויי פתחים, די סולם הייסט נישט ווי א פתח, **ומערבין את כולה**, מ'קען יא מאכן איין עירוב אויף די גאנצע מדינה, **ואינו צריך שיור**, ס'ווערט נישט די הלכה אזויווי א מדינה וואס האט צוויי פתחים וואס מ'דארף מאכן א שיור און איבערלאזן איין הויז. פארוואס איז אין הסולם שבחומה חשוב כפתח? די סולם שבחומה הייסט נישט ווי א פתח. וואס איז אנדערש ווי מיר האבן גערעדט פריער אז א תל המתלקט עשר, א שטאט וואס אנשטאט וואס ס'זאל זיין א טיר, איז אויך דא ווי מ'קען פליען מיט א קעטעפאלט, איך מיין אזוי.

### דין וועלכע בתים מען קען ניצן פאר שיור

**Speaker 1:** אקעי, דער רמב"ם זאגט אזוי, **"בתים שמניחין עושין שיעור"**, די הויז וואס מ'דארף מחשיב זיין צו מאכן די שיעור, וועלכע הויז זאל מען ניצן. זאגט דער רמב"ם, **"אפילו אם יש אחד סמוך לעיר"**, אפילו ס'איז דא א הויז וואס איז נישט פתוח לעיר, זיין טיר איז נישט צו די זייט פון די עיר, **"אלא אחוריו לעיר ופניו לחוץ"**, ס'איז ביי די ווינקל פון די שטאט, ס'איז בכלל נישטא קיין טיר פון זיין הויז צו די מדינה, ער גייט ארויס צו די אנדערע זייט. ער גייט ארויס דירעקט, ער איז אזוי ווי רחב הבונה, ער קען דאנטשען און א שפרינג געבן.

אויסער אז ער האט א שיעור, קען מען יא ניצן די הויז פאר א שיעור. נו, מ'האט ווען נישט געשיירט אפילו. הייסט דאך, די עיקר איז דאך מ'זאל זען אז ס'איז דא א הויז וואס איז נישט פארט פון די עירוב, און דורך דעם ווייסט מען שוין אז ס'איז דא א עירוב. ס'איז דאך א גמרא, מ'וואלט אפילו נישט געקענט ניצן די עירוב ווייל זיין פתח איז נישט אפן צו די עירוב. ס'איז דאך א שיעור, ס'איז דאך א שטיקעלע גדר, ער קען דאנטשען און שפרינגען. איך ווייס נישט וואס איז אינטערעסאנט אז ס'הייסט א שיעור, וואס איז נישט קיין אמת'ע שיעור. די גאנצע שיעור איז דאך אז איינער זאל זען, קען אפשר הענגען א סיין?

**Speaker 2:** יא, קען זיין אז ס'איז דא א משתכח ווערן א סיין.

### הלכה כ"ג – דין מזכה שיתוף על בני המדינה

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער אזוי, אז א הלכה, דו האסט געפרעגט וועגן מ'האט געלערנט אז מ'קען מזכה זיין א עירוב פאר אנדערע מענטשן ווען ס'איז א זכות. אבער דא, ווען ס'איז נאר א זכות פאר דיין זאך, אבער פאר די אנדערע שטעט פון די מדינה איז דאך נישט קיין זכות פאר קיינעם נישט, חוץ פון די איין משייר אין עפעס. איז א מזכה פשוטה על בני המדינה, זיי גייען דאך גארנישט פארלירן, די איין שיור גייט זיי דאך גארנישט פארלירן.

**Speaker 2:** ניין, ווייל אנדערש ווי... אמת, אז א מזכה פשוטה על בני המדינה, **אומרים לו כלום עירובך, אין צורך להודיעם**, מ'דארף נישט מודיע זיין פאר אלע בני המדינה, ס'איז גענוג אז איינער איז מזכה די זכות פאר זיי, און זיי זענען גוט.

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וזהו דין מי ששכח ולא נשתתף מבני המדינה, או מי שהלך לישבות במדינה אחרת, או..."** אונז האבן געהאט די אלע זאכן, ער האט פארגעסן און איז נישט געווארן א חלק פון די עירוב, אדער ער איז אוועקגעגאנגען אויף שבת. און ער האט נישט געמאכט די עירוב, אוי, כשוגג שוכן במדינה. ס'איז גארנישט אויסצורעכענען יעצט פונקטליך צו ס'איז מבטל, צו ס'איז כופה, צו ס'איז צורת הפתח. די אלע הלכות זענען די זעלבע. **דין אחד להם חוץ שומרי מבוי**, קוק דארט.

### הלכה כ"ד – דין אין מערבין מדינה לחצאין

**Speaker 1:** איז ער א מבטל. איז אזא זאך, **מדינה שיש בה כמה מבואות, חוץ ממבוי אחד**. א מדינה וואס האט אין איר מערערע מבואות, און אלע מבואות זענען געווארן א שותפות מיט דעם, אבער איין מבוי וויל נישט, איין גאס אין די שטאט איז עקסטער, וויל נישט, ס'איז נישט א חלק פון דעם. א רייזע עוסר על כולם. וואס הייסט מער נישט ווי א מדינה וואס אלע האבן זיך משתתף געווען? רייט, און אזוי ווי יעדער האט אן עצה, איז גענוג צו רעכענען פאר אן עצה.

אבער וואס איז יא די עצה? אזוי ווי אונז האבן מיר גערעדט, די זעלבע מצבה, די "יצא לחוץ למקומו" וואס דו זאגסט אז וואס ער וויל, וואס ער וויל טיילט אפ, וואס ער וויל מאכן אז ס'איז עקסטער, א פלאטפארמע, א שטיקל אזא זאך, עפעס וואס לאמיר וויסן די רעאליטעט. אבער מסתמא איז געווען אזא מין, א מענטש האט געבויט אזא מצבה, זאגן איך בין נישט פארט פון דא, דו קלאפ מיר נישט אריין אין די טיר. אויב האט ער געמאכט אזא מצבה על פתח המבוי, האט ער זיך אפגעטיילט, האט ער געזאגט אז די מבוי איז נישט א חלק פון די מדינה, איז איינו אוסר עליהם, איז די גאנצע אנדערע מדינה האט געקענט מאכן, און די מבוי אליין האט נישט, איז ער א חלק פון דעם.

זאגט דער רמב"ם, **לפיכך, וועגן די הלכה אז איין מבוי אסר'ט די גאנצע מדינה, אין מערבין מדינה לחצאין**. מ'קען נישט מאכן איין שטאט, זאגן א האלבע שטאט איז געווארן א חלק, איז געווארן אן עירוב. **אלא או כולם או מבוי מבוי**. אדער יעדער גאס זאל מאכן אן עקסטערע עירוב, אדער זאל מען מאכן איין עירוב פאר די גאנצע שטאט. און דעמאלטס, נאכדעם וואס מ'האט

געמאכט אן עירוב אויף די גאנצע שטאט, וואס איז אויב איין מבוי וויל נישט? זאלן זיי מאכן א מצבה. דאס מיינט ער, פארשטייסט?

רייט. **יבנו כל מבוי מצבה על פתחו אם לא רצו לערב כדי שלא יאסרו השאר המבואות.** די לעצטע הלכה זעט אויס ווי א פאליטישע הלכה, א פראקטישע הלכה. ווען דער רב פון שטאט מאכט אן עירוב, האלב קען מען דאך נישט. סאו ס'איז נאר דא צוויי, אדער אין די שטאט איז נישטא קיין עירוב כללי, יעדער מבוי איז פאר זיך, אדער ס'איז דא א גרויסע עירוב. און וואס טוט זיך מיט די מענטשן וואס זאגן זיי ווילן נישט, ער וויל נישט? מאך דיר, האסט אן עצה, מאך א מצבה. ווער ס'וויל נישט זיין פארט פון די עירוב, זאל ער פליז בויען א מצבה אין פראנט פון זיין הויז. און ווער ס'וויל נישט זיין מיט די לעבעדיגע, זאל ער זיין מיט די טויטע.

**Speaker 2:** מסתמא. מצבה אריגינעל מיינט א מצבה וואס מ'לייגט פאר א ציון איז אויך, ווייל מצבה מיינט פשוט אזויווי א שטיין. א שטייעדיגע שטיין. מצבה מיינט א שטיין, יא, ס'מיינט נישט עפעס מער פון דעם. לשון נצבה, א שטיין וואס מ'שטעלט אויף. יא, ס'איז דא אזא, די מצבה וואס מ'טאר נישט מאכן, יא, וואס... קיצור, עפעס א שטיין וואס שטייט, עפעס אזא... עפעס אן הקר, עפעס אן חוקר. דאס טאר מען נישט. ס'איז דא עפעס א טייל דאגרע שטות, עפעס קיין פרוק. היי.

---

**Speaker 1:** מיט דעם האט געענדיגט הלכות עירוב חצרות. די לעצטע דריי פרקים זענען שוין...

### הלכה כ"ד (המשך) — מצבה על פתח המבוי

**Speaker 1:** יא, סתם. זאל ער זיך מאכן אזא מין תנועה.

א מצבה, אריגינעל, א מצבה וואס מ'לייגט ביי א ציון איז אויך דאך, ווייל א מצבה מיינט פשוט אזויווי יעקב אבינו, **"אבן אשר שמתי מצבה"**. מצבה מיינט א שטיין, יא, ס'מיינט נישט עפעס מער פון דעם. לשון נצבה, א שטיין וואס מ'שטעלט אויף.

יא, ס'איז אבער די מצבה וואס מ'טאר נישט מאכן, יא, וואס איז, בקיצור, עפעס א שטיין וואס שטייט, עפעס אזא, עפעס אזא היכר, עפעס אזא, וואס איז דאס? דאס טאר מען נישט.

---

### סיום פרק ה' והתחלת הלכות עירוב תחומין

**Speaker 1:** עד כאן פרק ה'. מיט דעם האט מען געענדיגט הלכות עירוב חצירות. די לעצטע דריי פרקים זענען שוין הלכות עירוב תחומין.